גליון
# באור החיים

פרשת תצוה-זכור - תשפ"ו לפ"ק | גליון תת"ע

יהא לאור ע"י- איחוד תלמידי וחסידי טאהש

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר יעקב יחזקי' טייב הי"ו
לע"נ אביו הרה"ג ר' שמואל דוד בן ר' עמרם ז"ל
יארצייט ביום י"ב אדר - א' כי תשא הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר משה הערש ברוין הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' חיים ני"ו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### קיום המצוה בטהרה מביא אורות לעולם

**ויקחו אליך שמן זית זך להעלות נר תמיד.**

איתא במדרש (שהש"ר) דכשבני ישראל היו לומדים את התורה לא היו משכחין, משום דהיה אז כולו רוחני כיון דפסקה זוהמתן, וכשחטאו בעגל חזרו זוהמתן, חזרו השכחה.

הנה, כמו כן הוא בכל האדם, כל שהוא יותר מזוכך וטהור, נשאר בו יותר מכל מצוה שעושה. וזה הכלל בכל דבר שבעולם כל שיותר רוחני, יש לו יותר נצחיות, דבכל חטא וזוהמא יש בו שמץ מזוהמת חטא העגל, ובכל פעולה שאדם עושה לטהר את עצמו מחטאיו, הוא מזכך יותר את זוהמת חטא העגל שבו, ונעשה יותר רוחני ויותר נצחי. וכל מצוה שעושה לאחר מכן נשארת בקרבו ומאירה לו לעולם.

וזה רמז לנו התורה הקדושה, 'ויקחו אליך שמן זית זך', צריך ללמוד התורה בעת שהוא זך, היינו מזוכך וטהור מן החטאים, כדי 'להעלות נר תמיד', כדי שהמצוה תישאר באדם בתמידיות, כמו המנורה שאינה דולקת תמיד בפועל, אלא שהאירה תמיד בלבות בני ישראל אפילו כשלא דלקה, כן אור המצוות, אם האדם עושה אותן בטהרה, נשאר ומאיר לו בתמידיות.

(עבודת עבודה שפת"ק תצוה)

### כשאומרים פרשת הקטורת צריכין להתפלל אל ה' ולעורר רחמים עלינו

**ובהעלות אהרן את הנרות בין הערבים יקטירנה.**

הקב"ה נתן לנו מתנה נשגבה, שבתוך סדר הקטורת אנו מזכירים בכל יום גם את מצות הדלקת המנורה, בפסוק 'ובהעלות אהרן את הנרות בין הערבים יקטירנה', אשר על ידי אמירה זו, אנו פועלים לעורר רגשי לבבנו בקיום המצות, כמו שפעל הכהן על ידי הדלקת המנורה בפועל בבית המקדש.

וגם בסוף פרשת העולה, אנו אומרים את הפסוק, 'אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה', דקאי על הדלקת המנורה, כמו שפרש"י הק' אש תמיד, אש שנאמר בו תמיד, היא שמדליקין בה את הנרות, שנאמר בה להעלות נר תמיד, אף היא מעל המזבח החיצון תוקד, ומטעם זה מנהגינו לומר פרשה זו פרשת העולה גם בתפילת מנחה, כיון שנאמר בו פסוק זה, דקאי על הדלקת המנורה, שהיתה לעת ערב, ובעת שאנו מזכירין פסוקים אלו של הדלקת המנורה, עלינו להתפלל

המשך בע' ב

פרנס פעולות האיחוד לחודש אדר
נתנדב על ידי הרב הגאון פה מפיק מרגליות מגיד מישרים נואם בחסד עליון
הרה"ג רבי שמעון עזריאל יחיאל לאווי שליט"א
ר"מ בישיבת תורת משה מאנטריאל סניף ב'
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' חיים צבי בן ר' עזריאל יחיאל ז"ל
יארצייט ביום ט"ו אדר - שושן פורים הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך! מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**ונשמע קולו בבואו אל הקודש, אויב א מענטש איז מתפלל בקול, דאן קען ער אריינגיין אין די שערי הקדושה.**

(מפי השמועה)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דברי רב - באדיש


המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **ישראל** (בר"י) **קרויס** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


## די טעם פארוואס מען ליינט די פרשה פון מחיית עמלק אום שבת

זכור את אשר עשה לך עמלק, די טעם פארוואס מען האט מתקן געווען צו ליינען פרשת זכור שבת פאר פורים, שרייבן די פוסקים אז דאס איז כדי צו מסמיך זיין מחיית עמלק צו מעשה המן, און לויט דעם דארף מען פארשטיין פארוואס האט מען דאס נישט מתקן געווען צו ליינען בעצם יום הפורים, כדי עס מער מסמיך זיין צו מעשה המן, - באמת ווערט טאקע געברענגט אין שו"ע אז ווען א מענטש הערט די פרשה פון ויבא עמלק אום פורים, האט ער יוצא געווען בדיעבד, - איז אויב אזוי פארוואס האט מען נישט מתקן געווען אזוי לכתחילה.

נאר דער ענין איז אזוי, ווייל ס'איז ידוע אז די כח פון עמלק איז למעלה מן הדעת, אזוי ווי רש"י הק' איז מפרש אין פרשת כי תצא, 'משל לאמבטי רותחת שאין כל ברי' יכולה לחרוד לתוכה, בא בן בליעל אחד קפץ וירד לתוכה, כן אחר שראו כל האומות הנסים שנעשו לישראל התייראו כולם ללחום עמהם', ווייל יעדע בר דעת האט געהאט א אימה ופחד צו מלחמה האלטן מיט זיי, און אעפ"כ איז עמלק געקומען מלחמה האלטן מיט זיי, ווייל קליפת עמלק איז א עזות וואס איז למעלה מטעם ודעת, און כדי מכניע צו זיין דעם כח פון עמלק דארף מען קומען צו זיי מיט דעם כח הקדושה, זה לעומת זה, און דאס איז די כח השבת וואס איז למעלה מן הדעת, ווייל שבת ווערט נתגלה די שורש פון די גאנצע בריאה, דאס איז ווייל די שורש שלמעלה וואס לייכט אויף די גאנצע בריאה און גיבט אריין אין איר א חיות, די כח ווערט נתגלה אום שבת אין אלע בריאים, און אלע בריאים קערן זיך צוריק צו זייער שורש, און ווערן נתגלה צו דעם בחינה פון למעלה מן הטבע און למעלה מן הדעת.

און דאס איז די ענין מנוחה ושמחה פונעם שבת, נישט אזוי ווי א פשוט'ע מענטש מיינט, אז די מנוחה פונעם שבת איז צו אפרוען דעם גוף, צו שלאפן, עסן, און הנאה האבן, און זיך אריינטוען מער אין די טבע הבריאה, נאר די ענין פון מנוחה ושמחה איז אז אלע ברואים קערן זיך צוריק צו זייער שורש, וואס דאס איז די גרעסטע מנוחה, ארויסצוגיין פונעם סדר הבריאה, און צוקומען צו א בחינה פון למעלה מן הדעת.

פארדעם האט מען מתקן געווען צו ליינען די פרשה פון מחיית עמלק, דעם שבת בעפאר פורים, און נישט אום פורים אליין, כדי צוקומען קעגן אים מיט כח השבת וואס איז למעלה מן הדעת, וואס מיט דעם כח איז מען לוחם מיט דעם וואס ער איז געקומען אויף די אידן, און מען איז מפיל במקום שליטתו, וממיני' וביה נבוא למשדי בי' נרגא.

(עבודת עבודה פתג"ק)

המשך מע' א

אל ה' ולעורר רחמים על נפשנו, שנזכה גם בזמן הזה, בוכות ובכה אמירתן לעורר פנימיות לבבנו בקיום המצות.

(עבודת עבודה פתג"ק בהעלותך)

## הקב"ה רוצה לשרות בתוך בתי בני ישראל

**ושכנתי בתוך בני ישראל וגו', לשכני בתוכם אני ה' אלוקיכם.**

הקב"ה כביכול מבקש ומשתוקק לשרות בביתו של בר ישראל, ומבקש ומתחנן אלינו, להתנהג באופן כזה שיכול לשכון בתוככנו, כמו שאמרו חז"ל (עירובין ב.) אשכחן משכן דאקרי מקדש ומקדש דאקרי משכן, רומז כי על ידי שהאדם מתנהג בביתו בקדושה ובטהרה, איקרי משכן, והשכינה שוכן בתוכו, ואשכחן משכן דאקרי מקדש, שכאשר זוכה ששורה שם השכינה יקל לו להתנהג בקדושה וטהרה.

וצריך האדם לעמוד תמיד על המשמר הזה, כי בדבר קל שאינו מתנהג כדבעי', אפשר שיגרש השכינה מביתו, ואילו להשכין השכינה בביתו לא דבר קל הוא, כי יותר קל להרס בנין מאשר לבנות ולשכלל בנין, כי לבנות מחדש נצרכה עבודה רבה. ויהא רעוא שנזכה לקיים כל דברינו אלה.

(עבודת עבודה פתג"ק כי תשא)

# תוכן דברות קודש ששמענו מאת
# כ"ק מרן רבינו שליט"א
## בעת רעוא דרעוין שב"ק פרשת תרומה העעל"ט – בלתי מוגה

א) ויקחו לי תרומה וכו' תקחו את תרומתי. התלמידי בעש"ט הק' זי"ע דקדקו על כפל הלשון, כמו שדקדק רש"י ז"ל.

ב) וכן תעשו. פי' רש"י לדורות. וקשה דהמשכן לא נמשך לדורות, ואף כשעשה שלמה המלך כלי המקדש, לא עשה הכלים במדות זו שכתוב כאן אצל המשכן, ומהו 'לדורות'.

ויתורץ ע"פ מה שאמר רביה"ק זי"ע בשם האלשיך הק', 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם', בתוכו לא נאמר, אלא בתוכם, פי' בתוך כל אחד ואחד, כל אחד מישראל יבנה בתוכו מקדש מעט, כדי שהשי"ת יוכל להשרות שכינתו בתוכו, כמו שרואין בדברי הנביא שהוכיח בני ישראל לפני חורבן הבית, שאם לא ישובו לה' יחרב הבית, אמר הנביא 'היכל ה' המה', היכלו של הקב"ה תלוי בהם, ואם המה לא יעשו בתוכם משכן לה', לא יתקיים הבית.

וזה אמר הכתוב 'ועשו לי מקדש' ע"י 'ושכנתי בתוכם', כדי שיבנה המקדש צריך מקודם להיות 'ושכנתי בתוכם'. משום שלא רצה הקב"ה שיבנו לו מקדש של עצים ואבנים, אלא יבנו לו מקודם בתוכם מקום מקדש, ואח"כ יבנו המשכן. וע"י שהאדם שומר את עצמו בקדושה וטהרה, וחושב רק מחשבות טהורות עושה בתוכו מקדש לה', ועי"ז יכול הבית המקדש להתקיים.

והנה אחר קבלת התורה נכשלו בנ"י בחטא העגל, וכשירד משה נתחרטו בנ"י על מעשיהם הרעים, וחזרו בתשובה לה', ואח"כ עלה משה לשמים לבקש עליהם למשך ארבעים יום, וירד שוב בכ"ט באב, ואמר לבנ"י ששוב יעלה לשמים לבקש עליהם, והם יעשו תשובה ויתפללו לה' שיחוס וירחם עליהם, וביום הכיפורים אמר הקב"ה 'סלחתי כדברך', וממחרת יום הכיפורים אחר שראה השי"ת שיש להם חרטה גמורה ושבו בתשובה, ועשו בתוכם מקום מקדש לה', אז אמר 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם', אחר שעשו מקדש לה' בלבם, יבנו המשכן שבו אשרה שכינתי ביניהם, לפי שאז יכול בית המקדש להתקיים.

וכמו כן אמר שלמה 'אני ישנה' - כנסת ישראל אומרת - אנו ישנים בשביל צערנו על אשר חטאנו לה', אבל 'ולבי ער', השי"ת מעורר את לבנו, ורוצה שנעשה לו משכן לשרות שכינתו בתוכינו, ואומר לנו 'פתחי לי אחותי רעייתי', בבקשה ממך רעייתי - כנסת ישראל, פתח לי פתח בלבבכם, כי אין לי מקום לשכון. וזהו 'וכן תעשו', כמו שכלכם שבו כבר בתשובה, כן תעשו להלאה, ותבנו בתוככם מקום קדושה, ועי"ז אעזור אתכם באתערותא דלעילא להשרות שכינתי בתוככם.

זאת צריכין אנו ללמוד מזה, שהפעולה הראשונה כדי לבנות בית המקדש הוא לעשות בתוכינו מקום של השראת השכינה, ע"י שאנו נגביה לבבנו לה', ונחשב תמיד בלבנו מבוראינו ב"ה.

וכן מביא הרה"ק מ'ראפשיץ זי"ע בספרו זרע קודש, בשעה שהקב"ה אמר למשה 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם', תמה משה וכי יכול לבנות בית מקדש לה', הלא 'הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך', ו'הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאם ה'', והאיך יכולים לבנות לו בית מעשרים קרשים מצד אחד וכו', הלא מלא כל הארץ כבודו, והאיך יתכן שרוצה השי"ת לשכון בבית שנבנה בדברים מוגבלים בעצים ואבנים, אלא רצון השי"ת הוא להשרות שכינתו בלבות בני ישראל. ובזה יובן שהעצים והזהב אכן היתה מוגבל, אך ההשתוקקות שהיה בלבות בנ"י לזה, זה היתה בלי גבול.

ובזה הוא מפרש הפסוק, ויקחו לי תרומה כו' תקחו את תרומתי, 'ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו', אבל זה אי אפשר להספיק ליתן לבורא עולם שמלא כל הארץ כבודו, בזה אי אפשר לבנות בית לה', אלא 'לבו תקחו את תרומתי' - כל אחד יביא השתוקקות לבו עם התרומה שמביאין, ואז יכולים לבנות משכן לה', שזה הוא בלי גבול. וכך הוה שהיה לבני ישראל השתוקקות גדולה להביא תרומה לבנות המשכן, ובשני ימים כבר היתה להם יותר מדי.

הנה בזמנינו אין בית המקדש קיים, אבל עכשיו אחר ימי השובבי"ם, ימים שבני ישראל עסקו בתשובה ומעשים טובים, אומר השי"ת 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם', 'וכן תעשו', ופי' רש"י 'לדורות', אפי' בדורינו צריכין אנו לבנות בלבנו משכן לה', 'דעם הארץ האמיר יא', וצריכין לעשות בלבנו השתוקקות ואהבה להשי"ת, אפי' ש'אני ישנה' אפי' שאנו ישנים, 'ולבי ער' מעורר אותנו השי"ת לבנות לו משכן בלבנו, ואומר לנו, הלא אין לי מקום לשכון, עשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, עכשיו אחר ימי תשובה צריכין אנו להמשיך בזה, ולא להאביד הקבלות שקבלנו, ובאתערותא דלתתא יעזור אותנו מלעילא.

ובפרט בחודש אדר צריכין לעשות זה. כמו שכתוב בהמגילה 'להיות עתידים ליום הזה', 'יום הזה' היינו יום הגאולה, כמו שנא' ואמר ביום ההוא הנה אלקינו 'זה', ביום הגאולה שנראה אז נפלאות ה', יאמרו כל אחד 'הנה אלקינו זה, ליום 'זה' צריכין אנו להיות עתידים, ובימים שכבר היה ניסים לישראל ביותר קל להיות עוד ניסים, בחודש אדר היה ניסים לשראל ע"כ הזמן מסוגל להגאולה, לכן צריכין עכשיו לבנות המשכן בלבנו, להיות עתידים ליום הגאולה השלימה.

*

אבל זאת צריכין לידע, שהקב"ה נשבע שאין הכסא שלום ואין השם שלם עד שימחה זרעו של עמלק, לכן כדי שיביא הגאולה צריכין למחות זרעו. ומה שצריכין לעשות למחות את העמלק, נראה ממה שאמר רביה"ק זי"ע בשם הרה"ק ר' אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע, אשר הרה"ק רבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע אמר שהבית מקדש השלישי כבר נבנה ומוכן בשמים, ורק הארון לא נשלם עדיין, 'ארון' הוא אותיות של 'נורא', וזאת צריכין אנו להשלים, אנו צריכין להשלים ה'מה 'נורא' המקום הזה', להיות במורא גדול בבתי כנסיות ובתי מדרשות, לכן עלינו לקבל לשמור על קדושת הביהמ"ד להשלים הארון לביהמ"ק השלישי.

כמו שאיתא בזוה"ק, כד אתי צפרא וצבורא אשתכחו בבי כנישתא, בעו לאשתכחא בשירין ותשבחן דדוד, והא אוקימנא דסדורא איהו לאתערא רחימו לעילא ותתא, לאתקנא תקונין, ולאתערא חדוה, דהא בגין דא ליואי מתערי לאתערא רחימו וחדוה לעילא באינון שירין ותושבחן, 'ולכן צריכין לשמור שלא להפסיק השפעת הרחמים וחסדים שהשי"ת משפיע', ומאן דמשתעי בבי כנישתא במילין דחול, ווי ליה דאחזי פירודא, 'ווי לו שמפרד בני ישראל מן השי"ת', ווי ליה דגרע בהימנותא, 'ווי לו

שמגרע האמונה בהשם', ווי ליה דלית ליה חולקא באלקא דישראל, דאחזי דהא לית ליה אלקא, 'הוא מראה שאין אלקים ח"ו, הגם דיודע שיש בורא עולם', אבל הוא סובר דלא אשתכח תמן, 'הוא סובר בלבו שהשי"ת אינו נמצא עכשיו כאן', ולא דחיל מיניה, ואנהיג קלנא בתיקונא עילאה דלעילא. וזה מביא קטרוג שח"ו לא יתקבלו תפילתנו.

הלא ידוע שבשנים קדמוניות הזהיר רביה"ק זי"ע מאד על קדושת בית המדרש, וכששבת על שבת בהמרחקים, וכן כשבאו הרבה חסידים לכאן, ושמע שמדברין בביהמ"ד אמר שאם אינם מפסיקין מלדבר ילך להתפלל החוצה, שכדי שיתקבלו תפילתנו צריכין לשמור על זה. וכמו שהרה"ק ר' פנחס מקאריץ זי"ע אמר בשם האר"י הק' שאסור לדבר מן אדון עולם עד אחר עלינו.

הלא בימי הפורים מצפין להגאולה, ורוצין למחות את עמלק מקרבנו, ועושין כל ההשתדלות לזו, כמו מצות עד דלא ידע וכו', ע"כ דבר זה צריכין גם כן לקבל, הלא קבלה טובה הקב"ה מצרפה למעשה, לכן נקבל עלינו לשמור על קדושת ביהמ"ד. וזהו שצריכין אנו לעשות להשלים הארון ע"י עבודת 'מה נורא'.

גם הארון מורה על התורה, שהרי הלוחות מונחים בארון, ע"כ צריכין ללמוד התורה הק'. כמו שכתוב בתורה ונועדתי לך שם ודברתי אתך מעל הכפורת מבין שני הכרובים אשר על ארון העדות כו', והקשו התלמידי בעל שם, דלמה צריך לדבר דייקא משם. אך משום שמיום שנחרב בית המקדש אין לו להקב"ה אלא ד' אמות של הלכה, וזה בא לרמוז שכמו שהשרה ה' שכינתו על הארון ששם מונחים הלוחות, כן בגלות במקום שלומדין תורה שם שורה השכינה, וכן כתוב בפסוק שהיו הכרובים פני איש אל אחיו ולא דברו ביניהם, כן גם כדי להשרות השכינה צריכין לשתוק בבית ה' אפי' כשפני איש אל אחיו.

ע"כ נראה לחזק עצמינו, הן בקדושת ביהמ"ד והן בלימוד התורה. כמו שהובא במדרש הה"ד כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו, משל למלך שהיה משיא בת יחידה שלו, וחותנו רצה לנסוע למדינתו עם אשתו, אמר לו המלך היות שהיא בת יחידתי, לכן בבקשה ממך שבכל מקום שתדור תבנה לי חדר שאוכל לבא שם לבקרה, ופשוט שאם יגרש אותה לא ירצה עוד המלך לבא לשם, שהבת יחידה תשוב לביתה, כן נתן לנו השי"ת את תורתו, ואמר לנו כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו, שאם תעזובו את תורתי לא אבוא עוד לשכון אצליכם, והתורה תשוב לביתה.

הלא כל הקהל כאן לומדין ב"ה ערב ובוקר, אבל בחודש זה צריכין לחזקו ולהמשיכו, שהוא זמן ש'קימו וקבלו היהודים' התורה מאהבה, גודל עבודת האהבה לה' הוא כשאין עוזבין את תורתו, 'אדר' הוא נוטרי' א'ני - א'לופו של עולם 'דר' ביניכם, לכן נמשיך לבנות לו מקום דירה לשכון בתוכינו, ואם נמשיך לדבוק בו לא יחסר לנו מאומה. והשי"ת יעזור שכל ישראל ימשיך בזה, עד שנזכה בקרוב לביאת גואל צדק בב"א.

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצחאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

**ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית.**

די גמרא אין מסכת הוריות (דף י"ג ע"ב), ברענגט א סגולה, אז מען זאל זיך דערמאנען דברי תורה וואס מען האט פארגעסן, אז מען זאל טרינקן שמן זית, אויך ווערט געברענגט אין מדרש (שה"ש), אז ווען דער רבוש"ע האט געגעבן די עשרת הדברות, האט דאן כלל ישראל באקומען א גוטע זכרון, אבער ווען די אידן האבן נישט געקענט סובל זיין צו הערן עשרת הדברות פונעם אייבירשטן אליין, האבן די אידן פארלוירן די מתנה, און יא אנגעהויבן צו פארגעסן די לערנען.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, דער אייבישטער זאגט פאר משה רבינו, 'ואתה תצוה את בני ישראל', דו האסט געזאגט די עשרת הדברות פאר די אידן, און ממילא האבן די אידן אנגעהויבן צו פארגעסן די לערנען, דעריבער 'ויקחו אליך שמן זית' זאלן זיי נעמען 'שמן זית', וואס דאס איז א סגולה פאר זכרון און אזוי וועלן זיי געדענקן די לערנען.

### כתית למאור.

די פסוק קען זיין א שיינע רמז פאר די ריכטיגע וועג אין ענוה, 'כתית למאור' זיין צובראכן דארף ברענגן 'למאור' צו אויפלייכטן און מ'זאל זיך פארבעסערן, אבער 'ולא כתית למנחות' נישט אויף א אופן פון עצבות ודפח"ח.

(חשבה לטובה)

### והם יקחו את הזהב ... ועשו את האפוד.

דער רמב"ן זאגט, 'והם יקחו', אז די חכמי לב זאלן נעמען די אלע נדבות פאר'ן משכן, און דעם וואס זיי זאלן האלטן א חשבון וויפיל זיי האבן באקומען, וויבאלד מען האט זיי געגלייבט.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע האט מען זיי געגעבן אלעס אן א חשבון, אויך איז שווער, עס וואלט געדארפט צו שטיין 'ויעשו', און זיי זאלן מאכן, פארוואס שטייט 'ועשו'.

נאר מען קען דאס מסביר זיין, לויט וואס די גמרא זאגט אין מסכת בבא מציעא (מ"ב ע"א) 'אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין', עס וואלט געקענט מעגליך זיין, אז די אידן וועלן נישט ברענגן גענוג גאלד און זילבער פאר די משכן, האט דער אייבישטער געוואלט אז מען זאל נאר ברענגן אביסל פון אלע זאכן וואס האבן אויסגעפעלט פאר די משכן, און דער אייבישטער וועט שוין אריין שיקן א ברכה אז עס זאל זיין גענוג פון אלע זאכן, דעריבער האט דער אייבערשטער באפוילן 'והם יקחו' זיי זאלן אלעס נעמען אן א חשבון, און דער אייבישטער איז מבטיח אז 'ועשו' עס וועט זיין גענוג צו מאכן דעם אפוד מיט אלע אנדערע כלים פון משכן, ווייל די ברכה וועט קענען חל זיין,

למעשה האט זיך אבער ארויסגעשטעלט אז עס האט נישט אויסגעפעלט א ספעציעלע ברכה, ווייל די אידן האבן געברענגט צו די מלאכת המשכן איבער גענוג, האט משה רבינו געזעהן אז עס איז נישט געווען דא א ברכה פון דער אייבישטער, דעריבער האט משה רבינו מתפלל געווען א באזונדערע תפלה אז עס זאל קומען א ברכה אין די ארבעט פאר דעם משכן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות ל"ט מ"ג) 'ויברך אותם משה' זאגט רש"י, אז משה רבינו האט מתפלל געווען יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם.

(חתם סופר)

המשך בע' י

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **אברהם יושע העשיל ראבינאוויטש** שליט"א (טאהש)
לרגל שמחת תגלחת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## פרשת זכור

### דינים ומנהגים לקריאת פרשת זכור

### א

### שאלה: איז די מצוה פון ליינען פרשת זכור יעדעס יאר פאר פורים א חיוב מן התורה, אדער נאר מדרבנן?

עס ווערט געפסק'נט להלכה, אז דאס ליינען פרשת זכור איז א חיוב מן התורה, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה "זכור את אשר עשה לך עמלק, דרש'נען חז"ל "זכור בפה", עס איז א חיוב צו דערמאנען די מעשה פון עמלק מיט די מויל, דורכ'ן ליינען די פרשת עמלק, און עס איז נישט גענוג ווען מען געדענקט עס נאר במחשבה.

**באמערקונג**

די פוסקים שרייבן אז וויבאלד עס איז א חיוב מן התורה, דעריבער דארף מען מדקדק זיין אין די פאלגענדע הלכות:

1. מען דארף אינזין האבן, אז מען איז מקיים מיט דעם די מצות עשה פון "זכירת מעשה עמלק", און פון "מחיית עמלק", און אויך די מצות לא תעשה פון "לא תשכח", מען זאל נישט פארגעסן וואס עמלק האט געטוהן מיט אונז, ווייל די הלכה אז ביי א מצוה פון די תורה איז מצוות צריכות כוונה.

   און צוליב דעם זענען דא וואס זאגן פארן ליינען פרשת זכור, לשם יחוד וכו' הריני מוכן לקיים מצות עשה מן התורה לשמוע פרשת מחיית עמלק, כמו שכתוב בתורתינו הקדושה, זכור את אשר עשה לך עמלק וגו' לא תשכח.

2. דער בעל קורא דארף אינזין האבן מוציא צו זיין די וואס הערן די קריאה, און די וואס הערן דארפן אינזינען האבן יוצא צו זיין די חיוב פון די מצוה.

   בדיעבד אויב מען האט נישט בפירוש אינזין געהאט יוצא צו זיין, האט מען יוצא געווען (דסתמא לשמה).

3. בשעת'ן ליינען איז גליך אינזין צו האבן אז מען איז זיך משתתף מיט די צער השכינה, וואס דורך עמלק איז אין שמו שלם ואין כסאו שלם.

### ב

### שאלה: דארף מען הערן פרשת זכור דוקא דורכן ליינען אין א ספר תורה, אדער איז גענוג ווען מען ליינט דאס אין א חומש?

מען דארף הערן די קריאה דורכן ליינען אין א ספר תורה, אזוי ווי די חכמים דרש'ענען דעם פסוק (י"ז י"ד) כתב זאת זכרון "בספר", אז מען דארף דאס ליינען אין א ספר תורה.

טייל פוסקים האלטן אז דאס אין א ספר תורה, דאס איז א חיוב מן התורה, און טייל פוסקים האלטן אז דאס איז נאר מדרבנן.

כדי יוצא צו זיין די וואס האלטן אז עס איז מן התורה, איז מען מדקדק צו ליינען אין א ספר תורה וואס איז מוחזק בכשרות, און עס איז מוגה געווארן.

אויב מען געפונט זיך אויף א פלאץ ווי עס איז נישטא קיין ספר תורה, דארף מען ליינען פרשת זכור אין א חומש א.ד.ג.

### ג

### שאלה: דארף מען האבן א מנין בשעת'ן ליינען "פרשת זכור"?

מען דארף ליינען פרשת זכור מיט א מנין, און אויב עס איז נישטא א מנין דארף מען גיין אויף א פלאץ ווי עס איז דא מנין, און אויב עס איז נישט מעגליך צו גיין דארט ווי עס איז דא א מנין, זאל מען ליינען אין א ספר תורה ביחידות, אן א ברכה.

### ד

### שאלה: א חולה וואס קען נישט גיין אין שול, וואס זאל ער טוהן מיט "פרשת זכור"?

מעיקר הדין מעג מען ברענגען א ספר תורה צום חולה, און אויב מעגליך זאל זיין א מנין בשעת'ן ליינען, וויבאלד לויט טייל פוסקים איז דאס מדאורייתא, אבער למעשה איז דער מנהג נישט אזוי, נאר מען איז יוצא דורכן ליינען אין א חומש אן א מנין.

### ה

### שאלה: אויב איינער האט נישט יוצא געווען די מצוה פון "פרשת זכור" אין שבת זכור, וואס זאל ער טוהן?

אין אזא פאל זאל מען יוצא זיין די מצוה פון מחיית עמלק, דורך הערן אום פורים די קריאה פון פרשת "ויבא עמלק", און אויב מען קען דעמאלטס אויך נישט גיין אין שול, זאל מען ליינען פורים פרשת זכור אין א חומש.

**באמערקונג**

איינער וואס וויל יוצא זיין דורך הערן פורים די קריאה פון "ויבא עמלק", דארף בפירוש אינזין האבן אז ער וויל יוצא זיין מיט דעם די מצוה פון מחיית עמלק, און אויך דארף ער זאגן פאר דעם בעל קורא אז ער זאל אים אינזין האבן מוציא צו זיין.

עס איז ראטזאם אז יעדע בעל קורא וואס ליינט פורים די פרשה "ויבא עמלק", זאל אינזין האבן מוציא צו זיין יעדן וואס וויל יוצא זיין פון קריאה די מצוה פון מחיית עמלק.

### ו

### שאלה: איז דא א חיוב מחנך צו זיין קינדער מיט הערן "פרשת זכור"?

א קינד וואס איז מחויב בחינוך, וואס דאס איז ווען די קינד איז העכער 7 - 6 יאר, דארף אים זיין טאטע מחנך זיין צו הערן דאס ליינען פון "פרשת זכור" פון א ספר תורה און מיט מנין.

## ז
## שאלה: זענען אויך פרויען און מיידלעך מחויב צו הערן "פרשת זכור"?

עס איז א מחלוקת הפוסקים צי פרויען זענען מחויב צו הערן "פרשת זכור", למעשה האבן די פרויען מקבל געווען אויף זיך אז זיי זענען מחויב צו הערן, און זיי וועלן באקומען דערפאר א שכר פון הימל.

עס ווערט געברענגט אז אזוי האט זיך געפירט הרה"ק רבי נתן אדלער זצ"ל, אז ער האט מקפיד געווען אז אפילו זיינע דינסטין זאל הערן "פרשת זכור".

א פרוי וואס עס קומט איר אן שווער צו גיין אין שול צו הערן "פרשת זכור", קען זי דאס ליינען ביחידות אין א חומש, און אויב עס איז איר שווער אליינס צו ליינען, קען א צווייטער ליינען פאר איר פון א חומש, און אינזין האבן איר מוציא צו זיין.

**באמערקונג**

כאטש מענער טארן נישט מאכן קידוש און מאכן א סעודה פארן הערן "פרשת זכור", וויבאלד אין קידוש אלא במקום סעודה, און מען טאר נישט מאכן א סעודה פאר מען דארף מקיים זיין א מצוה, פונדעסטוועגן פרויען און קינדער מעגן עסן פארן הערן "פרשת זכור".

## ח
## שאלה: וואס דארף צו וויסן דער וואס איז עולה לתורה צו "פרשת זכור"?

1. עס זענען דא וואס האלטן אז בשעת דער עולה לתורה זאגט די ברכות, זאל ער אינזין האבן מוציא צו זיין דעם ציבור מיט די ברכות, און אויך דער ציבור זאל אינזין האבן יוצא צו זיין פון אים די ברכות, ווייל דורכדעם ווערט גערעכענט ווי יעדער איז עולה לתורה, און אזוי האט זיך געפירט דער חתם סופר זצ"ל, אבער רוב וועלט פירט זענען נישט מקפיד אויף דעם.
2. דער וואס איז עולה לתורה זאגט מיט שטילערהייט מיטן בעל קורא, און ער זאל אינזין האבן אז ער איז יוצא פון די קריאה פונעם בעל קורא און נישט פון זיין קריאה, כדי עס זאל ווערן גערעכנט אז ער ליינט מיט די ציבור און נישט ביחידות.
3. מען איז מקפיד אז איינער וואס איז פאר די בר מצוה זאל נישט עולה זיין צו פרשת זכור, דער מנהג איז אז מען רופט אויף רבנים, גדולי תורה, און אנשים חשובים א.ד.ג.

## ט
## שאלה: וואס דארף דער בעל קורא אכטונג געבן בשעת'ן ליינען "פרשת זכור"?

1. ער דארף ארויס זאגן יעדע ווארט, קלאר און הויך און געלאסן, כדי יעדער זאל קענען הערן יעדעס ווארט.
2. אויך זאל ער ארויס זאגן די ריכטיגע נקודות, כדי עס זאל נישט באקומען א אנדערע באדייט, למשל, ער זאל נישט זאגן אנשטאט וַיָּגַע וְיָגֵַע, אזוי אויך זאל ער נישט איינשְׁלִינְגְּעֶן צוויי ווערטער צוזאמען, למשל, אנשטאט את - זכר זאל ער נישט זאגן אֶתְכֶר א.ד.ג.
3. לכתחלה דארף מען מדקדק זיין צו ליינען מיט די ריכטיגע טראפן, אפילו ווער עס ליינט פאר זיך אין א חומש.

## י
## שאלה: וואס דארפן צו וויסן די וואס הערן אויס די קריאה פון "פרשת זכור"?

1. די וואס זענען יוצא די קריאה, דארפן הערן אויך די ברכות, בדיעבד אויב מען האט נישט געהערט די ברכות האט מען יוצא געווען.

   דעריבער פאר דער עולה לתורה הייבט אן די ברכות, דארף מען שטיל מאכן דעם גאנצן ציבור.
2. יעדער דארף הערן יעדעס ווארט מיט די נקודות, און ווער עס האט פארפעלט צו הערן אפילו נאר איין ווארט, דארף איבער הערן.
3. לכתחלה דארף מען פארשטיין וואס מען זאגט, דעריבער איז גלייך זיך פארצוקוקן פארן ליינען די פירוש המלות, ווייל דער עיקר מצוה איז איינצו-ווארצלען אין הארץ די שנאה צו עמלק, און דאס קען נאר זיין ווען מען פארשטייט וואס מען זאגט, בדיעבד אויב מען האט פארשטאנען די עיקר פון די פרשה האט מען יוצא געווען.
4. עס זענען דא וואס האלטן אז די וואס ווילן יוצא זיין די קריאה, זאלן נישט מיט זאגן מיטן בעל קורא, ווייל ווען ער איז יוצא מיטן הערן פונעם בעל קורא, ווערט גערעכנט אזוי ווי ער האט יוצא געווען די קריאה פון א ספר תורה, אבער ווען ער זאגט מיט מיטן בעל קורא פון א חומש ווערט גערעכנט אזוי ווי ער האט געליינט פון א חומש, (תשובות והנהגות, ח"א סימן שצ"ט).

און עס איז דא ווער עס שרייבט, אז וויבאלד די חז"ל דרש'ענען "זכור, בפה" אז מען דארף ארויס זאגן מיטן מויל, איבערדעם איז בעסער אז מען זאגט יא מיט.

כדי יוצא זיין ביידע דיעות, קען מען טוהן ביידע, בשעת'ן ליינען זאל מען נאר הערן, און בשעת מען איז מעביר סדרה, זאל מען אינזין האבן יוצא צו זיין בפה (שו"ת מנחת אלעזר ח"ב סימן א').

## יא
## שאלה: וואס פאר א מנהגים זענען שייך ביי די קריאה פון "פרשת זכור"?

1. מען פירט זיך אז יעדער שטייט בשעת די קריאה.
2. טייל פירן זיך צו זאגן דעם ז' פון "זכר" מיט א צירי, און טייל זאגן "זכר" מיט א סגול, רבינו הקדוש זי"ע האט זיך געפירט ווי דער הייליגע קאמארנא'ער זי"ע שרייבט צו זאגן מיטן סגול.
3. מען פירט זיך צו קלאפן מיט די פיס בשעת דער בעל קורא ענדיגט צו ליינען.

פארשטייט זיך אז מען דארף אכטונג געבן מען זאל נישט אנהייבן צו קלאפן פאר דער בעל קורא האט געענדיגט די לעצטע ווארט, און דער עולה לתורה זאל נישט אנהייבן די ברכה פאר יעדער האט געענדיגט צו קלאפן.

**זכור את אשר עשה לך עמלק**

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

### המשך מאמר בענין:

## פתיחת בקבוקים בשבת

עוד העירו (הגאון רבי משה הלברשטאם - דברי משה סי' יט; סי' כב אות ז), כי השלכת הפקק לאשפה בלחוד אין בכוחה לשנות את טבע הדברים, והואיל ומציאות הדברים היא שמשתמשים בפקק זה לשימוש חוזר, אין מועיל מה שיזרוק את הפקק לאשפה שלא יחשב יותר לכלי, כי בטלה דעתו, ולכן הזריקה עצמה אין בה די לסמוך להתיר את פתיחת הבקבוק בשופי.

### כוח היתר זה רק בצירוף עשיית נקב בפקק

יש שהביאו, כי אכן לא התכוון הגרש"ז אויערבאך זצ"ל להתיר את פתיחת הבקבוק ללא כל דבר רק על סמך מה שיזרוק לאחר מכן את הפקק לאשפה, אלא כוונת הגרש"ז אויערבאך זצ"ל היתה לצרף שני דברים, כגון שיעשה חור בפקק ויחד עם זאת יזרוק את הפקק לאשפה, בזה אין כל בית מיחוש, ולכו"ע לא עבר על איסור מכה בפטיש, וארוך טפי.

על כן היותר טוב הוא, שיעשה תחילה בפקק עצמו נקב גדול, אשר בזה עצמו כבר אינו ראוי כ"כ להשתמש בו, אך מאחר ועדיין יש המשתמשים בפקק גם אחר שניקבו בו נקב, לכן יש לו לזרוק אחר כך את הפקק, ובזה יגלה דעתו שאינו צריך את הפקק לשימוש חוזה, ואז בצירוף שניהם יש להתיר הדבר. אם כי יש מקום לדון, שהואיל וסכ"ס בדעתו לזרקו, אין מקום להצריך לעשות חור גדול, ואין כל תועלת בעשייתו מעל פני חור קטן, וצ"ע לדינא.

### דעת האוסרים משום סותר בעשיית הנקב

אכן עצם עשיית הנקב אינו פשוט כ"כ, והגאון רבי יצחק מאיר מארגנשטערן שליט"א באחד מספריו מאריך להוכיח שיש בדבר משום סותר, ואף הביאו כן בשם הגרש"ז אויערבאך זצ"ל בעצמו (ר' שמירת שבת כהלכתה ח"ג פ"ט הע' כ; ארחות שבת פרק יב הע' ל).

מכח נידון זה גופיה, היה ברור להגאון רבי נתן געשטטנער זצ"ל, כי מוטב לפתוח את הבקבוק כדרכו, מאשר לעשות חור ונקב בפקק, אשר בזה יש נידון של סותר, וזו היתה דעתו בבירור.

### החשש שבפתיחת הפקק גם משום מחתך

עוד יש להעיר בשולי היתר זה של נקיבת הפקק, כי היו שהביאו (הלכות שבת בשבת פ"א הע' 95; שם פי"ד הע' 65; הליכות שדה אב תשנ"ו עמ' 46) בשם גדולי הפוסקים, לעורר חשש בניתוק הפקק מן הטבעת משום מחתך, ולא רק משום מכה בפטיש שמכין את הפקק לתשמישו הקבוע והעיקרי, ואם כן לענין מחתך לא תועיל כלל נקיבת הפקק וכן זריקתו, וכל היתר זה נופל בבירא.

אך הכרעת רוב האחרונים, כי אין לחשוש למחתך בניתוק הפקק מן הטבעת [ר' שמירת שבת כהלכתה (ח"ג פ"ט הע' כה) שכ' הגרש"ז אויערבאך זצ"ל שאם אינו חפץ בחיתוך זה אלא חותך באופן זה כי הוא יותר קל, אין בדבר משום מחתך], ועל כן יכולים לסמוך על היתר זה של נקיבת הפקק.

עוד פתרון לחשש מחתך הוא, ואף הגרש"ז אויערבאך זצ"ל מזכירו, שאין לפתוח מיד את הפקק כולו מן הטבעת, אלא יש לפתוח במעט ולהתחיל להוציא המשקה מן הבקבוק קודם ניתוק הפקק מן הטבעת, ואז אין חשש בדבר, כי מחתך הוא רק כשחותך את כולו, וכל שאינו מחתך את כולו אין כל חשש בדבר.

### אמירה לקטן לפתוח את הבקבוק בשבת

עצה נוספת יש, והיא לבקש מילד קטן לפתוח עבורו את הבקבוק, אך שמעתי מהגאון רבי מאיר סירוטה שליט"א מרבני העדה החרדית, אשר תחילה היתה דעתו להתיר את הדבר, אך חזר בו ודעתו לאסור לבקש מקטן בזה, ושאלו אחד איך חזר בו לאחר שהוא עצמו סבור היה תחילה שמותר ואף הורה כן לאחרים, השיבו רבי מאיר ואמה, כי אכן כבר כתב על פנקסו להביא על כך חטאת שמינה כשיבנה בית המקדש. כיום כאשר שואלים את רבי מאיר האם מותר לבקש מקטן, הוא עונה נחרצות, כי אם מדובר בילד מבני הישמעאלים הדבר מותר.

### אמירה לחברו המתיר לפתוח בקבוקים בשבת שיפתח עבורו בשבת את הבקבוק

עצה דומה מעין זו היא, לבקש מחברו האוחז שהדבר מותר לפתוח בקבוקים בשבת, כגון ההולך אחר פסקיו של הרב פישר זצ"ל, הנוהג לפתוח את הבקבוקים אף לכתחילה, ומעתה, הרי המבקש זאת מחברו, לדעתו יש בדבר משום איסור דאורייתא, ועל כן יש לדון אם יש בזה איסורא דלפני עיוור.

ובזה, אם אינו סבור שיש בדבר משום איסור דאורייתא, אולי היה מקום להקל בזה, אך מאחר והמנחת יצחק (ליקוטי תשובות סי' לה) קיבל בפשיטות שהדבר כרוך באיסור דאורייתא, נראה פשוט שאין להתיר לבקש מאחר, אפילו אם רואה הוא איך שהלה פותח בקבוקים בעצם יום השבת, [על הרב פישר זצ"ל בעצמו הביאו (אליבא דהלכתא חוברת נא עמ' קג), שהיה אומר לאלו שביקשוהו לפתוח כי סברו שהדבר אסור, וכי הנני השבת גוי שלך...].

היתר לאוסר לפתוח בקבוק בשבת ליהנות מבקבוק שנפתח בשבת ע"י האוחז שהדבר מותר

נידון היוצא מזה הוא, שהרי קי"ל דמעשה שבת אסור אף לאחרים, מעתה יש לעורר בדין אחד שפתח בקבוק ביום השבת, ולדידיה היה הדבר היתר גמור, מאחר ואוחז כדעת המתירים בזה, האם מותר לנוהג איסור בפתיחת הבקבוקים בשבת לשתות מבקבוק זה, או שהדבר בכלל מעשה שבת ואסור.

ושמעתי בשם האדמו"ר מפשעווארסק שליט"א, שהוא אינו שותה אם פתח אחד בקבוק ביום השבת, הואיל ולדעתו יש איסור בפתיחת הבקבוקים ביום השבת.

**המשך בשבוע הבא אי"ה**

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי זאב וואלף מזיטאמיר זי"ע

***שושן פורים, ט"ו אדר הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן צדיק, רבי זאב וואלף מזיטאמיר זי"ע בעל מחבר ספר "אור המאיר".***

### ואלה תולדותיו

דער הייליגער אור המאיר מ'זיטאמיר, איז געווען א תלמיד מובהק פון דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע.

פון אנהייב האט ער זיך מתפרנס געווען פון א קרעטשמע, און שפעטער אויף די באפעל פון זיין הייליגן רבי'ן דער גרויסער מגיד איז ער געווארן א מגיד מישרים אין שטאט זיטאמיר, וואו עס האבן זיך מדבק געווען צו אים פיל חסידים מקבל צו זיין חסידות און הדרכה.

ער איז געווען אן איידעם בזיוו"ש ביי רבי צבי הירש מרגליות אב"ד מעזריטש.

ער איז נסתלק געווארן ט"ו אדר, בערך אין יאר תקנ"ז.

דריי יאר דערויף, אין יאר תק"ס, איז געדרוקט געווארן דער ספר "אור המאיר" וועלכע איז געשריבן געווארן דורך זיין תלמיד רבי אליעזר שו"ב דעיר זיטאמיר, בעמח"ס פרקי הנאזר.

### איר זיצט אין תפיסה צוליב א משומד; איך זיץ אין תפיסה

המדור הזה נתנדב ע"י מר"ה **חיים זאנוויל העכט** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### וועגן רבי נחום

דער הייליגער מאור עינים איז געווען א מגיד מישרים און שטעט און דערפלעך. האט אמאל פאסירט אז א געוויסע משומד איז געווארן זייער אויפגעברויזט אויף די דרשות פונעם הייליגן מאור עינים, און ער האט איהם פאר'מסר'ט צו די רעגירונג, וואס דאס האט צוגעפירט צו זיין ארעסט אין שטאט זיטאמיר.

ווען עס איז באקאנט געווארן אין די אידישע וועלט איבער די מסירות און בלבולים און פונעם ארעסט, האט עס צושטערט די מנוחה ביי די אנדערע צדיקי הדור, און עס האבן זיך באלד אנגעהויבן גאר גרויסע השתדלות'ן צו פארגרינגערן דעם מצב פונעם הייליגן מאור עינים אין טורמע. פון די הויפט וועלכע האבן אנגעוואנדן און זיך משתדל געווען לטובת דעם מאור עינים, איז געווען דער הייליגער רבי וועלוול פון זיטאמיר זי"ע באקאנט אלס דער אור המאיר.

דער הייליגער אור המאיר האט קיין מינוט נישט גערוהט, ער האט געארבעט און אנגעוואנדן אלע השתדלות'ער צו העלפן פארגרינגערן דעם מצב פונעם מאור עינים אין תפיסה.

דער אור המאיר האט זיך שטארק אנגעשטרענגט און עס איז אים געלונגען צו פועל'ן אז דער מאור עינים זאל באפרייט ווערן פון תפיסה פאר עטליכע שטונדן ער זאל קענען גיין אין ביהמ"ד האלטן א דרשה.

ווען דער הייליגער מאור עינים האט זיך צוריקגעקערט פון די דרשה, האט אים באגלייט א ריזן עולם פון די שטאטלייט געבענדיג אים כבוד מלכים. ווען דער תפיסה וועכטער האט דאס דערזען האט אים זייער פארדראסן אז פאר אן ארעסטאנט ווערט צוגעטיילט אזויפיל כבוד, און דעריבער האבן זיי נאכמער פארשווערט די תפיסה פונעם מאור עינים, און מ'האט אים אריינגעזעצט אין א פינסטערן קאמער.

דער הייליגער אור המאיר האט אבער נישט געקענט רוען, ער איז נאכאנאנד ארומגעלאפן און פארארבעט מעשים צו פארגרינגערן די תפיסה פאר'ן מאור עינים. ער האט ארלעדיגט אז מ'זאל לאזן אריינברענגען אין תפיסה גרויסע שטיינער און עטוואס מסדר געווען דעם גרוב פאר'ן מאור עינים אים צו שאפן כאטש דאס מינדעסטע הרחבת הדעת אונטער די שווערע מצב.

ווילאנג דער מאור עינים האט זיך געפונען אונטער אזא שטרענגע תפיסה וואך איז שווער געווען אנצוקומען צו אים. פאר'ן אור המאיר איז אבער געלונגען צו פועל'ן אז ער זאל טעגליך קענען אריינגיין פארברענגען מיט'ן מאור עינים פאר גאנצע צוויי שעה.

איין טאג ווען די צוויי צדיקים זענען געזעסן און איניינעם פארברענגט, איז פלוצלים ערשינען פאר זיי א מענטש געקליידעט ווי א דייטש, וועלכער האט זיך געוואנדן צום מאור עינים זאגנדיג ווי פאלגענד, "אזוי ווי מארגן וועט פארקומען אין שטאט די מארק-טאג, וויל איך דעריבער בעטן אז דער אור המאיר זאל זיך משתדל זיין און אויס'פועל'ן אז מען זאל ארויסלאזן דעם מאור עינים פון תפיסה אויף עטליכע שעה, אז ער זאל קענען ארומגיין נאך געלט פאר מיר"!

דער אור המאיר ווי זיין שטייגער האט טאקע גענומען שתדל'ן אויסצופירן די בקשה פון דעם דייטש, אבער ס'איז אים נאר געלונגען מיט א תנאי, אז דער אור המאיר וועט איבערנעמען אלץ






משכון דעם פלאץ אין תפיסה בשעת ווען דער מאור עינים וועט זיך געפינען אויף דער פריי.

אזוי ארום האבן זיך די צוויי צדיקים פאר א ווילע געטוישט פלעצער, דער מאור עינים איז ארויס אין מארק שאפן געלט פאר צדקה, און דער אור המאיר איז געבליבן זיצן אין תפיסה אויפן ארט פון מאור עינים.

דער אור המאיר האט זיך אנגערופן צום מאור עינים זאגנדיג: "איר זיצט אין תפיסה צוליב א משומד; איך זיץ אין תפיסה וועגן רבי נחום"!

סוף טאג איז דער מאור עינים צוריקגעקועמן מיט'ן קליינעם סכום פון צוויי הונדערט רובל.

ווען דער אור המאיר האט געזעהן דעם נישטיגן סכום האט ער ארויסגעוויזן אנטוישונג, "עס האט זיך נישט געלוינט דאס געשעפט פאר אזא קליינעם סכום". ווען דער מאור עינים האט געהערט ווי דער אור המאיר רעדט זיך אפ אז עס איז נישט ווערד געווען אזויפיל שתדלנות פאר דעם צוועק, טענה'נדיג: "אויסצו'פועל'ן דעם זכות פון ארויסגיין אפאר שעה האט דאך אפגעקאסט באלד דער זעלבער סכום".

האט זיך דער מאור עינים אנגערופן צום אור המאיר: "עס איז יא כדאי געווען", ווייל אין הימל איז געווען א שטארקער רעש, וויבאלד איידער ער איך בין פאראורטיילט געווארן צו טורמע האב איך געהאט צוגעזאגט צו שאפן געלט פאר א געוויסן צוועק, און וויבאלד איך בין דערנאך געווארן פאר'משפ'ט פאר ארעסט, האב איך נישט געהאט די יכולת איינצוהאלטן מיין צוזאג, אבער היות איך האב קיינמאל נישט געבראכן א ווארט איז אין הימל געווארן א רעש.

האט דער מאור עינים מסיים געווען: "און דער דייטשל וועלכער האט זיך פאר אונז באוויזן אין תפיסה, איז געווען א מלאך של רחמים, וועלכער איז געקומען פועל'ן אז איך זאל קענען ארויס פאר איין טאג איינצוהאלטן מיין צוזאג און שאפן די געלט!

דאן האט זיך דער אור המאיר מיט אסאך אנדערע צדיקים זיך אריינגעלייגט צום גאנצן באפרייאונג פונעם מאור עינים, און טאקע אין יענעם יאר נאך די גרויסע השתדלות פונעם אור המאיר און אנדערע צדיקים, איז דער מאור עינים צום פרייד פון גאנץ כלל ישראל ארויס פון תפיסה.

עס איז מקובל ביי חסידים, אז דער הייליגער מאור עינים זי"ע איז ארויס פון תפיסה אינעם טאג ט"ו אדר, וואס דאס איז שפעטער געווען דער יום ההילולא פון דער אור המאיר זי"ע.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

# לוח היארצייטן



## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"א אדר | הרה"צ רבי אליעזר בן רבי יחזקי' זצ"ל - מ'האדאס | תשס"א |
| ט"ז אדר | הרה"ק רבי זאב וואלף בן רבי שמואל זי"ע - מ'זיטאמיר - אור המאיר | תק"ס |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י"א אדר | הבחור החשוב אברהם יהודה בן ר' חיים הלוי ע"ה | תרצ"ז | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| י"ב אדר | האשה החשובה מרת חי' מרים בת ר' צבי זאב ע"ה בערגער<br>אשת הרה"ח ר' מנחם מענדל ע"ה | תש"ס | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ב אדר | הרה"ג ר' שמואל דוד בן ר' עמרם ז"ל טויב | תשפ"ה | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ד אדר ב | האשה החשובה מרת צלאווא גיטל בת ר' חיים ע"ה לאנדאוי<br>אשת הרה"ח ר' נפתלי צבי הכהן ע"ה | תשע"ד | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| ט"ו אדר | האשה החשובה מרת יענטא חי' דבורה בת ר' יעקב מאיר ע"ה פעלבערבוים | תשנ"ט | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ט"ו אדר | הרב החסיד ר' אברהם עקיבא בן ר' יעקב יוסף ע"ה ראטמאן | תש"נ | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ט"ו אדר | הרב החסיד ר' חיים צבי בן ר' עזריאל יחיאל ע"ה לעווי | תשע"א | ביה"ח במאנטריאל |
| ט"ז אדר א | הרה"ג ר' מאיר יעקב בן ר' שאול יחזקאל ע"ה גרינפעלד<br>גיסו של רביה"ק זי"ע | תשס"ג | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ז אדר | האשה החשובה מרת חנה מרים חי' בת ר' צבי הכהן ע"ה גרינוואלד<br>אשת הרה"ח ר' פנחס ארי' הי"ו | תשס"ה | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ז אדר | הרב החסיד ר' אשר ענזיל בן ר' אלקנה סג"ל ע"ה קרויס | תשנ"ח | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ז אדר ב | הרב החסיד ר' יהוסף בן ר' משה ע"ה שווארץ | תשל"ז | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |

## כתית למאור

**זאגט רש"י הק' כתית למאור ולא כתית למנחות.**

טייטשט דער הייליגער באר מנחם זי"ע, אז די תורה הק' ווערט אנגערופן אור, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ו', כ"ג) 'כי נר מצוה ותורה אור', און חז"ל זאגן אויך ווער עס לערנט תורה (אבות ד' ט') 'כל המקיים את התורה מעוני סופו לקיימה מעושר', דאס מיינט אז ווער עס איז זיך מייגע אויף די תורה הקדושה מתוך הדחק, די סוף וועט זיין אז ער וועט האבן פרנסה בהרחבה אן קיין דאגות, די אייבערשטער וועט אים שוין צושיקן, און דאס מיינט דא די תורה הקדושה צו מרמז זיין, כתית למאור אז מען דארף זיך שטויסן און מייגע זיין אויף צום לערנען וואס ווערט אנגערופן אור, און אויף דעם איז רש"י הק' מפרש כתית למאור ולא כתית למנחות, אז ווער עס איז זיך מייגע אויף די תורה הקדושה דארף זיך שוין נישט מייגע זיין אויף פרנסה, ווייל די רבוש"ע וועט אים שוין בענטשן און צושיקן פון אלעם גוטן, און ער וועט קענען זיצן און לערנען ווייטער מיט הרחבת הדעת.

*

עס ווערט דערציילט אז די ערשטע שבת

# מאור התורה

ציצים ופרחים על ענייני הפרשה

נאכדעם וואס מען האט אויפגענומען די טריסקער מגיד צו זיין די מגיד מישרים אין טריסק, האט ער געטייטשט אין די פסוק, 'כתית למאור' אז מען דארף זיך קודם צושטויסן די גוף פאר מען הייבט אן צו באלייכטן די וועלט.

*

איינמאל פרייטאג צונאכטס האט הרה"ק ר' אליעזר'ל דזיקוב'ער זי"ע געזאגט תורה אויפ'ן פסוק 'ואתה תצוה את בני ישראל', האט ער געפרעגט אז וואס איז פשט פון די וא"ו פון 'ואתה', דאס איז דאך אנהייב פונעם פרשה, עס איז נישט קיין המשך פון פריער, האט ער געטייטשט אז אין הכי נמי די וא"ו איז איבריג, נאר וואס דען, דער אייבערשטער האט באפוילן פאר משה ו'אתה דו זאלסט זיך האלטן איבריג אזוי די איבריגע וא"ו, דו זאלסט זיך האלטן פאר גארנישט, און דעמאלס 'תצוה' קענסטו זיין די מנהיג פון כלל ישראל, צו באפעלן זאכן פאר די אידן, און תצוה איז אויך מלשון 'צוותא חדא' אז ער זאל האלטן צוזאמען די אידן און זיין זייער מנהיג.

יענע נאכט איז זיין טאטע דער ראפשיצער רב זי"ע געקומען צו אים אין חלום און געזאגט, 'לעזער' לעבן קרוין, האסט מכוון געווען דעם אמת'ן פשט אין פסוק'.

*

הרה"ק ר' משה מקאזניץ זי"ע טייטשט אריין אין די פסוק, 'כתית למאור', אז מען זעהט פון דא אז מען דארף זיך האלטן בענוה ושפלות, אבער מען דארף דאס טון מיט דעת און מיט שכל, דאס הייסט, זיך נישט מייאש צו זיין פון תשובה טון, און זאגן אז מען האלט שוין אזוי נידריג און עס איז שוין נישטא קיין האפענונג, נאר וואס דען אפילו מען האט געזינדיגט און מען ווייסט טאקע אז מען איז זייער אויף א נידריגע מדרגה, איז די אייבערשטער אבער א רחום וחנון און מען קען אלעמאל תשובה טון, דאס זאגט דא די פסוק 'כתית למאור', דער מענטש זאל זיך צושטויסן און האלטן בענוה, אבער 'למאור', דורך דעם זאל מען נאר שיינען מער און תשובה טון פון אלע עבירות, 'ולא כתית למנחות', מען זאל נישט זיין מונח בעצבות, און דעמאלט זיך אינגאנצן מייאש זיין ח"ו.

המשך מע' ד'

# א מעשה אויף די פרשה

### ועשית משבצות זהב

הרה"ק רבי ר' מענדל'ע מ'רימנוב זי"ע פלעגט אפט רעדן איבער פרשת המן, כדי דערמיט משפיע זיין פרנסה פאר כלל ישראל, איינמאל אין א פרשת תצוה איז געווען א מורא'דיגע ערעמקייט אין שטעטל, און רבי ר' מענדעלע האט געוואלט משפיע זיין פרנסה פאר די אידן, האט ער געטייטשט, 'ועשית משבצות זהב', השי"ת זאל מאכן קעסטלעך פון גאלד.

*

### ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך

הרה"ק רבי אליעזר'ל פון דזיקוב זי"ע האט דערציילט, אז אמאל, זייענדיג אין לובלין מיט זיין הייליגן טאטע דער ראפשיצער רב זי"ע, האט די חבריא דארט געשמועסט ווי מ'שפירט בפועל די קדושה פון שבת וואס שוועבט אויף דער וועלט, זיי האבן אבער אריינגעקלערט צי זיי שפירן טאקע באמת די קדושה מיט וואס דער אייבישטער האט געהייליגט דעם טאג, אדער אפשר איז דאס בלויז א דמיון, ווייל וויבאלד א מענטש מאכט לכבוד שבת שינויים, ווי גיין אין מקוה פרייטאג פארנאכט, ער טוט זיך אן אנדערע בגדים, ער עסט געוויסע מאכלים, דעריבער שפירט ער אן אנדערן טעם אין דעם טאג, און עס דאכט זיך אים אז דאס וואס ער שפירט איז די קדושה פון שבת, אבער עכט איז עס נאר די גשמיות'דיגע שינויים.

האט די חבריא אינאיינעם באשלאסן צו טון די אלע שבת'דיגע זאכן אין א וואכעדיגע טאג, זיי זענען געגאנגען אין מקוה, זיך אנגעטון בגדי שבת און אנגעגרייט אלע מאכלי שבת, צו זייער אנטוישונג, האבן זיי טאקע געשפירט דעם טעם פון שבת.

זיי זענען אריין צום הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע און האבן אים דערציילט אז עס טוט זיי ווי, זעענדיג אז זיי האלטן נאך ביי גארנישט, און זיי שפירן נישט די אמת'ע קדושה פונעם שבת.

דער חוזה האט אראפגעלייגט דעם קאפ אויף זיינע הענט און נאך עטליכע מינוט האט ער אויפגעהויבן דעם קאפ פרעגנדיג, 'האבן ענק אויך אנגעטון די בגדי שבת', האבן זיי געענטפערט, 'יא', האט דער חוזה געענטפערט, 'אויב אזוי איז שוין אלעס פארענטפערט, אינ'אמתן שפירן ענק יא די אמת'ע טעם פון שבת, און דאס וואס ענק האבן אויך געפילט דעם טעם אינמיטן די וואך, איז ווייל די בגדי שבת האבן אזא שטארקע כח אין זיך, אז אפילו אויב מען טוט זיי אן אינמיטן די וואך, שפירט מען דעם טעם פון קדושת השבת וואס איז איינגעזאפט אין די בגדים'.

# ברכת הטוב והמטיב בזמנינו

חכמינו ז"ל האבן מתקן געווען אז ווען א מענטש טרונקט עטליכע וויינען זאל ער מאכן א ברכת הטוב והמטיב, אלס א הודאה פארן איבירשטן אויף די ריבוי היין וואס דער מענטש האט.

**די נוסח הברכה איז בא"י אמ"ה הטוב והמטיב.**

טייטש: געלויבט ביסטו באשעפער וכו' הטוב וואס דו טוסט גוט'ס פאר מיר - והמטיב און דו טוסט גוט'ס פאר אנדערע.

די ברכה איז א חובה (נישט ווי ברכת שהחיינו וואס איז רשות), זע מער אין שו"ע (סי' קעה) ופוסקים.

פורים איז א צייט וואס חייב אדם לבסומי בפוריא, און ס'מאכט זיך אפט אז מ'זאל טרינקען עטליכע סארטן וויינען, לכן איז הזמן גרמא צו מקיים זיין ציווי חז"ל מיט שמחה. (עס זענען געווען גדולי ישראל וואס האבן פורים ספעציעל געזוכט צו מאכן א ברכת הטוב והמטיב).

ביי אסאך מענטשן איז אביסל נזנח די ברכה, ווייל עס קומט נישט אויס איבערן יאר עס צו מאכן, און בעיקר ווייל מ'ווייסט נישט צו מ'איז מקיים אלע תנאים, וועגן דעם וועלן מיר ברענגען על הסדר אלע תנאים וואס זענען מעיקר הלכה, און אויך די חומרות, און וויאזוי מ'קען עס מקיים זיין פראקטיש און גרינג. (בהתייעצות מורי צדק שליט"א, און אינפארמאציע פון היימישע ווין פירמעס).

ביים ערשטן מאל דורכלערנען די רשימה קען עס אויסקוקן אביסל שווער, ביטע נעמט די ישוב הדעת און קוקט דאס איבער, וועט איר זעהן אז (די מערסטע פרעמד איז ס"ז, און) רוב פון די תנאים ווערן נתקיים פון זיך אליין.

כדי צו קענען מאכן די ברכה דארף מען מקיים זיין די פאלגענדע תנאים:

1) מ'דארף טרינקען צוויי סארטן ווין.

2) מ'דארף קודם טרינקען די פשוטע ווין, און נאכדעם די בעסערע. ס'איז גענוג ווילאנג 'ס'קען זיין' אז די צווייטע ווין איז בעסער, אפילו מ'ווייסט נישט זיכער. (אויב מ'נעמט ווייסע (געלע) ווין קודם און נאכדעם רויטע ווין, דארף מען 'א' וויסן' אויב די רויטע איז בעסער).

3) 'צוויי' מענטשן דארפן טרינקען פון די 'צוויי' וויינען אין 'איין' שטוב. אורחים, אדער אפילו אייגענע בני בית ווערן גערעכנט ווי צוויי מענטשן.

4) די צוויי וויינען דארפן באלאנגען פאר ביידע, אדער זאל עס ליגן אויפן טיש אז ווער ס'וויל טרינקען קען טרינקען.

## כטוב לב ביין

**ברכת הטוב והמטיב בזמנינו**

ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

5) די ערשטע באטל ווין זאל נאכנישט זיין געענדיגט, ווען מ'הייבט אן טרינקען די צווייטע ווין.

6) דוקא ווען מ'דארף נישט מאכן א נייע בורא פרי הגפן אויף די ווין. ווי למשל מ'האט געוואוסט אז מ'גייט ברענגען ווין. אדער פורים איז דאך מעגליך אז מ'גייט שיקן פאר משלוח מנות, אדער מ'האט זיך פארלאזט אויף וואס דער בעל הבית וועט ברענגען. מ'האט נישט מסיח דעת געווען פון ווין.

א געוועהנליכע פורים ווען מ'עסט מיט משפחה קומען מען שוין נאך די תנאים פון זיך אליין און מ'איז מחויב מעיקר הלכה צו מאכן די ברכה.

א הידור (וואס ווערט דערמאנט אין מ"ב):

7) די צווייטע ווין זאל נישט זיין פאר זיי בשעת די ברכה אויף די ערשטע ווין. מ'קען עס פארדעם לייגן אין בוידעם, סטארעדש, קאר, אינדרויסן אויפן גאס (אז מ'גייט עסן ביים שווער, קען מען עס ברענגען און לאזן אנדרויסן אין קערידש, און אריינברענגען נאכדעם).

להידור איז גוט צו מקיים זיין אויך די קומענדיגע:

8) 'ביידע' זאלן טרינקען פון 'ביידע' וויינען א 'רביעית'.

9) מ'טרינקט דאס אינמיטן א סעודה פון חלה.

לחומרא יתירה:

10) אויב די צווייטע ווין איז בעסער ווייל מ'האט צוגעלייגט צוקער, זענען דא וואס זענען מצדד אז אפשר קען מען נישט מאכן אויף דעם די ברכה, ווייל ס'נישט עכט בעסער, נאר די צוקער האט דאס געמאכט. אויף דעם איז די עצה, צו נעמען פאר די צווייטע ווין אזא ווין וואס האט נישט קיין צוגעלייגטע צוקער. אדער די דריי אופנים של שבח, א) טעם, ב) יין ישן, ג) בריאות, וואס דעמאלטס מעג עס האבן צוגעלייגטע צוקער.

פאלגענד זענען 4 פראקטישע עצות:

1) נוצן פאר הטוב והמטיב וויינען וואס האבן נישט קיין צוגעלייגטע צוקער בכלל. דאס רעכנט אריין א) וויינען מיט קאליפארניע טרויבן, אפילו זיסע וויינען. ב) פון די קדם קאמפעני איז דא קדם עסטעיט'ס וויינען וואס האבן נישט קיין צוקער. ג) פון די שווארץ קאמפעני איז די פאלגענדע וויינען: קארבערנעי; מערלאו; און יוטאפיע קארבערנעי (וואס איז אביסל זיסליך). אדער קען מען פרעגן ביים ווין פארקויפער וועלכע ווין האט נישט קיין צוקער צוגעלייגט.

2) בריאות. נעמען קודם רויטע ווין און נאכדעם ווייסע (געלע) ווין (עפ"י שו"ע איז דאס געזונטער).

3) יין ישן. נוצן א עלטערע (גע'עידשטע) ווין פאר די הטוב והמטיב. מ'קען אננעמען (פארן טרינקען) אז געווענליך איז דאס בעסער אין טעם.

4) טעם. אויב מ'האט בעסער ליב טרוקענע ווין, זאל מען נעמען קודם א זיסע (אפילו מיט צוקער) ווין, און נאכדעם א טרוקענע ווין (און דעמאלטס קומט געווענליך אויך צו די מעלה פון עצה א' אז ביי רוב טרוקענע ווין לייגט מען נישט צו קיין צוקער).

11) א חומרא צו 'וויסן' אז די צווייטע ווין איז בעסער. פארדעם איז דא 5 עצות:

1) צו נעמען קודם רויטע ווין און נאכדעם ווייסע ווין (עפ"י שו"ע איז דאס געזונטער, הייסט דאס בעסער).

2) ס'הייסט אז 'מ'ווייסט' אויך אויב מ'פרעגט פון מענטשן, אדער דעם ווין פארקויפער זייער מיינונג. (ווען ער אליין האלט אז עפעס איז בעסער, גייט מען נאך זיין איינגענעם דעת).

3) געווענליך 'ווייסט' א מענטש צו ער גלייכט מער א זיסע ווין אדער א טרוקענע, קען ער נעמען די ערשטע א זיסע און די צווייטע א טרוקענע, אדער פארקערט די ערשטע א טרוקענע און די צווייטע א זיסע (אן צוקער, צו יוצא זיין חומרא אות י').

4) נעמען עלטערע (גע'עידשטע) ווין פאר הטוב והמטיב הייסט אז 'מ'ווייסט' (מ'קען קוקן ווען מ'האט עס געבאטלט וכדו', ווייל ס'ווערט בעסער אין די באטלעך).

5) מער א טייערער ווין. מ'קען אננעמען (פארן טרינקען) אז דאס איז בעסער אין טעם.

אויב איז מען מקיים די אלע 11 סעיפים איז מען מחוייב מיט ברכת הטוב ומטיב לויט אלע שיטות חומרות והידורים, און מ'קען מקיים זיין תיקון חז"ל פון ברכת הטוב והמטיב, וואס וועט זיין נאך א זכות ביים בורא כל עולמים פאר אלע השפעות טובות אין דעם הייליגן טאג.

מיר האפן בעז"ה ביי א אנדערע געלעגנהייט צו מפרט זיין די מקורות ונימוקים בטוב טעם ודעת, מפי ספרים וסופרים, ועפ"י המציאות שבזמננו.


בעזהשי"ת
קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
תע"א
ימי משתה ושמחה
אחר ברכת המזון
של שולחן הטהור "משתה יין"
אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
ימשיכו הלאה בעזהשי"ת
בריקודין
עילאין
לכבוד היום
ולשמוח בשמחת פורים
בקול רנה תודה המון חוגג
ריקודין עילאין, כל הקהל הקודש
חסידים ואנשי מעשה עד דלא ידע...
משך זמן הריקודין יהי' מוכן לכל הקהל
הקודש אכילה ושתיה קלה להחיות בהם
נפש כל חי
שמחת פורים ושמחת תמיד
הנהלת
הקהלה


בעזהשי"ת
קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
מתוך שמחה וטוב לבב, הננו בזה
להודיע לכל הקהל הקודש, אנשי
שלומינו, זקנים ונערים, סדרי
שלחנות
הטהורות
משך ימי הפורים הבעל"ט
בצל הקודש של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר
שלחן הטהור ליל א' פורים
בשעה 9:45
בשמחה של מצוה בתופים ובמחולות
בהיכל ביהמ"ד הגדול
לאור ריבוי המשתתפים בשנים האחרונות יתקיים
השלחן הטהור במקום רחבת ידים להכיל הציבור
מחה אמחה את זכר עמלק
ולמחרתו ביום הפורים כטוב לב המלך ביין יתקיים
שלחן הטהור משתה היין
בשעה 6:00 אחצ"ה
בהתרוממות הלבבות והתעוררות רב מתוך שמחת היום
בהיכל ביהמ"ד הגדול
וימי הפורים לא יעברו מתוך היהודים
שלחן הטהור שושן פורים
בשעה 5:15 אחצ"ה
ברוב פאר והדר בתופים ובמחולות
בהיכל ביהמ"ד הגדול
סעודת פורים כיד המלך מוכן לכל הקהל הקודש
פורים שפיל כנהוג בחצרות קדשינו
ויה"ר שנזכה לקבל השפעות קדושות
הנשפעות בימים אלו, והריקותי לכם
ברכה עד בלי די, וליהודים היתה אורה
ושמחה וששון ויקר, בביאת משיח צדקינו
ומלכינו בראשינו בב"א.
הנהלת הקהלה


בעזהשי"ת
קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
סדרי ופרטי ימי הפורים
להיות עתידים ליום הזה
תענית אסתר
תענית אסתר וועט זיין תפלת מנחה 6:15 אין ביהמ"ד הגדול, דערנאך תפלת מעריב און קריאת המגילה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.
עס וועט זיין צוגעגרייט אויסצופאסטן נאכ'ן מגילה ליינען, אזוי אויך וועט די עזרת נשים זיין צוגעגרייט פאר די פרויען מיטצוהאלטן קריאת המגילה.
ליל פורים
ליל פורים, באלד נאך קריאת המגילה, וועט יעדער האבן די געלעגנהייט אריבערצוגיין לברך ולהתברך 'א גוטן פורים'.
ליל פורים וועט פארקומען דער שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול בשעה 9:45.
ביום הפורים
תפלת שחרית בשעה 7:30 ברכות בהיכל ביהמ"ד הגדול.
נאכמיטאג בשעה 6:00 וועט געפראוועט ווערן דער דערהויבענער משתה יין טיש. עס וועט זיין צוגעשטעלט ווין מלכות רב כיד המלך.
מ'בעט זייער שטארק קיינער זאל נישט צוגיין במשך דעם טיש צום רבי'ן. דער רבי וועט וואונטשן לחיים פאר יעדן כנהוג, און מ'וועט ארויפשיקן די שיריים פון אלע מאכלים.
באזונדער קומען מיר מיט א דרינגענדע בקשה, קיינער בלי שום יוצא מהכלל זאל נישט ארויפגיין אויפן טיש טאנצן. עס שטערט זייער די ארדענונג, מ'קען נישט מיטהאלטן געהעריג, און איינער ברענגט דעם צווייטן א.א.וו.
עס וועט זיין צוגעשטעלט קאפיעס פון די פיוטים ומזמורים, מ'זאל קענען געהעריג מיטזאגן.
ביים תמחה טאנץ וועט מען אויסליידיגן דעם חלל פון טיש, מ'בעט יעדער זאל בלייבן אויף זייערע פלעצער, נישט זיך שטיפן אדער זיך אויפשטעלן העכער וכדו', כדי יעדער זאל קענען מיטהאלטן די דערהויבענע ריקודין.
שושן פורים
מיטוואך שושן פורים נאכמיטאג אום 5:15 וועט פארקומען די פרייליכע שושן פורים טיש בתופים ובמחולות וריקודין עילאין.
עס וועט זיין צוגעשטעלט א סעודה רחבה כיד המלך לכבוד היום
מען בעט אז ביי די ריקודין, און ביי די בדחנות ומילי דבדיחותא כנהוג זאל מען זיך נישט אויפשטעלן פון די פלעצער, כדי נישט צו שטערן דעם ציבור.
ביטע אין אכט נעמען, מיטן אויספאלגן די אנווייזונגען העלפט איר צו אז יעדער זאל קענען מיטהאלטן, שעפן חיות דקדושה און הנאה האבן פון די דערהויבענע שלחנות הטהורות.
אף הן היו באותו הנס
דורכאויס אלע טישן וועט די עזרת נשים זיין אפן און צוגעשטעלט געהעריג. עס וועט זיין צוגעשטעלט קאפיעס פון די פיוטים ומזמורים, די נשים צדקניות זאלן קענען מיטהאלטן.
פועל'ט אלעם גוטס
לקיים את ימי הפורים האלה בזמניהם


בעזהשי"ת
קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
תע"א
בקשה נחוצה
מ'בעט זייער שטארק קיינער זאל
נישט צוגיין במשך דעם
טיש צו רבינו שליט"א
דער רבי וועט וואונטשן לחיים פאר יעדן
כנהוג, און מ'וועט ארויפשיקן די שיריים
פון אלע מאכלים.
באזונדער קומען מיר מיט א
דרינגענדע בקשה
קיינער זאל בשום אופן
נישט ארויפגיין אויפן טיש
ס'שטערט די עלטערע יודן וועלכע זיצן
ביים טיש, און ס'שטערט זייער די ארדענונג,
און מ'קען נישט מיטהאלטן געהעריג,
איינער ברענגט דעם צווייטן א.א.וו.
והימים האלה נזכרים ונעשים

בעזהשי"ת

# קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

תע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# לקיים את ימי הפורים בזמניהם

הננו בזה להודיע לכל אנשי שלומינו החשובים שיהיו סדר ימי הפורים

**בצל קדשו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## תענית אסתר

**יום ב' פר' כי תשא**

תפילת מנחה בשעה ........................ בשעה 6:15

מעריב בזמנה בשעה ..................... בשעה 6:56

### ואח"כ קריאת המגילה

ע"י כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

סעודת פורים לאורחים החשובים
תיכף אחר קריאת המגילה בהיכל הטישן #9

### שלחן הטהור ליל א' פורים

בשעה 9:45 | בהיכל ביהמ"ד הגדול

## יום הפורים

**יום ג' פר' כי תשא**

תפלת שחרית ........................... ברכות בשעה 7:30
בהיכל ביהמ"ד הגדול

תיכף אחר התפלה יהיה הזדמנות להתברך בפו"פ
להפקד בדבר ישועה ורחמים

### שלחן הטהור משתה היין

בשעה 6:00 | בהיכל בית המדרש הגדול

## שושן פורים

**יום ד' פר' כי תשא**

### שלחן הטהור

בשעה 5:15 | בהיכל בית המדרש הגדול




בברכת שמחת פורים ושמחת תמיד

**הנהלת הקהלה**

# והשתי' כדת

ליקוט נפלא מפי ספרים וסופרים על מצות שתיית יין ביום הפורים

עס ווערט גע'פסק'נט אין שולחן ערוך, אז חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי.

די ספרים הקדושים פרעגן, וואס איז פשט אז די יו"ט פון פורים האט די עקסטערע מצוה פון זיך אנטרינקן אזוי שטארק, עס איז דאך געשען אסאך ניסים פאר די אידישע קינדער, און אפילו ווען מען האט יא געמאכט א יו"ט דערפון איז דא א מצוה פון סעודת יו"ט, און טאקע אין שמחה אלא ביין, אבער ממש אז עס זאל זיין א חיוב זיך אנצוטרינקן אזוי שטארק ממש עד דלא ידע, דאס זעהט מען נישט ביי קיין אין אנדערע יו"ט.

זענען די ספרים הקדושים מסביר אז ווען המן הרשע האט גוזר געווען די גזירה אויף כלל ישראל, איז דאס געווען גאר א שטארקע גזירה פון די קליפת עמלק, און כדי דאס מבטל צו זיין האט געדארפט קומען אן אור פון גאר א הויכע מקום וואס פון דארט האט געקענט קומען די ישועה, און וועגן דעם אפילו לעתיד לבוא וועלן אלע ימים טובים בטל ווערן, וועט אבער די יו"ט פורים נישט בטל ווערן, ווייל דאס קומט פון גאר א הויכע פלאץ, און א יעדע יאר ווערט די צייט פון יאר נאכאמאל נתעורר די קליפה פון עמלק און פון המן, און וועגן דעם פאסט מען תענית אסתה, און נאכדעם פורים קומט נאכאמאל אראפ דעם גרויסן אור און איז מבטל דעם קליפה פון עמלק, און היות עס קומט אראפ פורים אזא גרויסן אור, קען מען זיך אויסבעטן וואס מען וויל, און דאס קען מאכן א גרויסע קטרוג אויבן אין הימל אז אידן קענען זיך אויסבעטן די גאולה שלימה, וועגן דעם האט מען דאס באהאלטן און מען האט געגעבן די מצוה פון זיך אנצוטרינקן, אז דאס זאל אפשטילן די מקטריגים, אבער ווער עס האט שכל בעט זיך אויס אין דעם טאג אלעס וואס ער דארף.

*

עס שטייט אין די מגילה והשתי' כדת אין אנס כי כן יסד המלך, זאגט אויף דעם רש"י הק' לשון יסוד כלומר כן תקן וצוה.

ברענגט דער שמועה טובה זי"ע אז עס שטייט אין מסכת ברכות (כט:) אמר ליה אליהו לרב יהודה אחוה דרב סלא חסידא כו' לא תרוי ולא תחטי, איז רש"י הק' מסביר דארט אז דאס מיינט אז ער זאל זיך נישט אנטרינקען און אזוי גייט ער נישט צוקומען צו זינדיגן, דאס מיינט אז דורך שכרות קען מען צו קומען צו זינדיגן בקדושת היסוד ח"ו, אבער אויף די שתי' פון פורים שטייט אין ספה"ק פארקערט אז ווען מען טרינקט פורים איז מען מתקן דעם חטא.

טייטשט דאס דער שמועה טובה אריין דא אין פסוק 'כי כן יסד' זאגט רש"י לשון יסוד כלומר כן תקן וצוה, אז די טרינקן ביום הפורים איז נאר א תיקון אויף קדושת היסוד.

זיין ברודער דער הייליגער אור מלא זי"ע טייטשט דאס אריין ענדליך צו דעם, אז די פגם במדת היסוד ווערט נמשך פונעם קליפת עמלק, און ווען מען וועט דאס מתקן זיין וועט אינגאנצן בטל ווערן דער כח פון עמלק און עס וועט זיין די גאולה שלימה.

און עס שטייט אז ווען משיח וועט קומען גייט די שם זיין יקי"ק, אז אנשטאט די ו"ה גייט מען לייגן א י"ה, דאס זאגט דא די פסוק 'והשתי' כדת אין אנס', והשתי' איז נוטריקון ו"ה שת י"ה, דאס מיינט אז ווען עס גייט זיין די גאולה שלימה און מען וועט לייגן א י"ה אנשטאטס די ו"ה, דעמאלס 'אין אנס' וועט מען שוין נישט צו קומען צו זינדיגן, וויבאלד די קליפת עמלק וועט שוין זיין אינגאנצן אויסגעמעקט.

*

די מפרשים פרעגן, פארוואס איז פרעה נענש געווארן פאר'ן טשעפענען די אידן, ער האט דאך געטון דעם רצון ה', די אייבערשטער האט דאך געזאגט פאר אברהם אבינו, ועינו אותם ארבע מאות שנה, נאר וואס דען, פרעה האט זיי געפייניגט מער פון וויפיל דער אייבערשטער האט באפוילן, וועגן דעם איז אים געקומען אן עונש.

פרעגט דער הייליגער חתם סופר






זי"ע, פארוואס איז געקומען אן עונש פאר המן הרשע, לכאורה איז דאך געווען א חיוב כליה אויף די אידן, און דא קען מען נישט ענטפערן די פריערדיגע תירוץ.

נאר וואס דען, ווייל אפילו המן האט טאקע געטון דעם רצון ה', האט ער אבער בכלל נישט געמיינט דעם אייבערשטן מיט דעם, ער האט עס נאר געטון ווייל ער אליינס האט פיינט געהאט די אידן ר"ל, וועגן דעם איז ער נענש געווארן.

פירט די חתם סופר אויס אז דאס דארף מען אויך וויסן פורים, אז אויב א מענטש טרינקט זיך אן פורים פאר די אייגענע הנאה דעמאלטס איז נישט דא קיין חילוק ביין ארור המן לברוך מרדכי, ווייל ביידע האבן געטון דעם רצון ה', נאר וואס דען, מען דארף טרינקן אינגאנצן לשם שמים, נאר ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, דעמאלטס וועט מען ווייזן די חילוק פון ארור המן און ברוך מרדכי, און המן וועט באקומען זיין שטראף.

*

דער הייליגער אוהב ישראל זי"ע האט געזאגט אז דורך דעם וואס מען טרינקט פורים איז דאס מכפר אזוי ווי די שני השעירים ביום הכפורים.

*

הרה"ק ר' הערשעלע זידיטשובער זי"ע האט געזאגט אז ווען מען טרינקט פורים איז אזוי ווי מען פאסט משבת לשבת.

*

עס שטייט אין שיח שרפי קודש א טעם מיט וואס פורים איז גרעסער פון יום כיפור, וויבאלד יום כיפור איז מען מענה דעם גוף מען עסט נישט וכדומה, אבער פורים איז מען מענה דעם דעת מיט דעם וואס מען טרינקט זיך אהן.

*

עס שטייט אין פרי צדיק פון ר' צדוק זי"ע אז טרינקן וויין פורים איז מתקן אויף עצלות בעסק התורה.

*

עס שטייט אין מעגלי צדק פון דעעש'ע רב זי"ע, אז עס שטייט אין די מגילה 'במשתה היין מה שאלתך וכו'' דאס מיינט אז ביים טרינקן פורים קען מען זיך אלעס אויסבעטן.



לאור
# באור החיים



## א נענטערע אריינבליק איבער די רוחניות'דיגע אנטוויקלונגען בישיבה של רבי

מלוה דמלכה אפגעראכטן געווארן בקודש פנימה לרגל סיום ימי השובבי"ם

חזרת הזמן אנגעהויבן מיט גרויס הצלחה

חבורת חוזר וניעור זיך געשטעלט צום פארהער אויף גאנץ הל' בשר וחלב

רייכע דרשה פארגעקומען פאר תלמידי שיעור ג'

תלמידי הישיבה גרייטן זיך צום יו"ט פורים הבעל"ט

דראסטישע הערערונג מעלדונג פון הנהלת קרן חתנים לבושי מרדכי

רעגעסטראציע לשנת תשפ"ז געפענט געווארן

### ספעציעלע מלוה דמלכה אפגעראכטן געווארן בקודש פנימה לרגל סיום ימי השובבי"ם

דעם פארלאפענעם מוצאי שב"ק איז פארגעקומען א ספעציעלע מלוה מלכה פאר תלמידי ישיבתינו הק' לרגל סיום ימי השובבי"ם, בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א.

די מלוה מלכה איז פארגעקומען אויף א עלעגאנטע פארנעם ווי עס פאסט זיך לכבודה של תורה, נאכדעם וואס עס זענען פאריבער 6 דערהויבענע וואכן בין כותלי הישיבה ווי די קול תורה האט געדונערט מן הבוקר עד הערב מיט טויזענטער שעות תורה, און אזוי אויך די ספעציעלע פראגראם צו ארבעטן אויף די שבע מדות.

די תלמידים האבן זיך געוואשן צום רייכן מלוה דמלכה, ווי אויך איז געווען צוגעגרייט די טייערע פרסים ומתנות פאר די תלמידים מצויינים וועלכע איז שפעטער פארטיילט געווארן דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א.

בעת די מלוה דמלכה האט אויפגעטרעטן הרה"ג המנהל שליט"א וועלכע האט איבערגעגעבן א גריס פאר'ן רבי'ן ווי די תלמידים שטייגן מעלה מעלה במסולה העולה בית קל, און די התמדת התורה און עבודת המדות אין וועלכע די תלמידים האבן אריינגעהארעוועט משך די פארלאפענע ימי השובבי"ם, און אזוי אויך האבן די תלמידים פארציילט סיפורי מעשיות.

דאן האט די מנהל שליט"א איבערגעגעבן א כוללות קוויטל פאר מרן רבינו שליט"א, מיט די נעמען פון אלע תלמידים שמם ושם אמם, פון וואס מרן רבינו שליט"א האט גענאסן א געוואלדיגע נחת רוח, און דערנאך האט די רבי משמיע געווען דברות קודש ודברי הדרכה וחיזוק פאר די חשוב'ע תלמידים.

נאך ברכת המזון זענען אלע תלמידים ארביער ביי מרן רבינו שליט"א, ווי יעדע בחור באזונדער האט איבערגעגעבן זיין לוח שעות הלימודים פון די פארלאפענע שובבי"ם וואכן, און וואס מרן רבינו שליט"א האט זיך ספעציעל נאכגעפרעגט ביי יעדע בחור און איבערגעגעבן די ספר למתנה.

*

### גרויסארטיגע חזרת הזמן אנגעהויבן מיט גרויס הצלחה איבערצו'חזר'ן די לימודי הלכה

אין די יעצטיגע וואכן שטייענדיג שוין נענטער ווי ווייטער צום ענדע פונעם זמן, איז אריין אין שוואנג די גרויסארטיגע חזרת הזמן פאר אלע תלמידי הישיבה, ווי מען חזר'ט איבער די לימודי הלכה וואס מ'האט געלערנט די זמן אין הלכות תערובות.

דעם אנהייב וואך שטייענדיג ביים אנהייב פון די חזרה האט אויפגעטרעטן די מגי"ש הרה"ג רבי יונה פישער שליט"א, מו"ץ, וועלכע האט ארויסגעברענגט די נחיצות פון לימוד חזרה, און ארויסגעברענגט אז יעצט ביי חזרה איז די צייט ווען מ'נעמט צוזאם אלע הלכות וואס מ'האט געלערנט, און מען איז זיך עס מסדר אויף א אופן פון געדענקן לנצח נצחים, און דאס איז די ריכטיגע שליסל מ'זאל קענען אנקומען

צום ציל סוף יאר זיך צו קענען פארהערן די גאנצע מקצוע, און בעז"ה מיטן גיין אויף די ריכטיגע מהלך וועט מען קענען גרינג אנקומען צום ציל פון ענדיגן בין כותלי הישיבה די גאנצע הוראה בס"ד.

*

## חברי חבורת חוזר וניעור זיך געשטעלט צום פארהערן אויף גאנץ הל' בשר וחלב

די פארלאפענע וואך מיטוואך איז פארגעקומען די פארהער אויף גאנץ הלכות בשר וחלב אינערהאלב די 'חבורת חוזר וניעור' אין וועלכע תלמידי שיעור ב' און שיעור ג' טוען איבער'חזר'ן די לימודי הלכה וועלכע מ'האט געלערנט פאריאר.

די פארהער איז פארגעקומען דורך הרה"ג רבי יהושע לערנער שליט"א, אב"ד סאטמאר מאנטריאל, בנוכחת פונעם ראש החבורה הרה"ג רבי יונה פישער שליט"א ר"מ בישיבה ומו"ץ, ווי עס האט זיך אנגעזעהן די ברנה יקצורו, ווי אלע תלמידים האבן געקענט די לימודים אויף א גאר גרינטליכע אופן, און נאך די פארהער האט זיך אנטוויקעלט א לעבעדיגע תורה'דיגע שמועס מיט'ן בוחן.

*

## רייכע דרשה פארגעקומען פאר תלמידי שיעור ג'

דעם זונטאג ביינאכט איז פארגעקומען א גאר אינהאלטסרייכע דרשה דורך דעם חשוב'ן פה מפיק מרגליות הרה"ג רבי אלעזר יונה זילבערמאן שליט"א פון מאנסי, וועלכע האט איבערגעגעבן א ספעציעל דרשה פאר תלמידי שיעור ג'.

דער חשוב'ע מגיד מישרים האט געוויילט אין קריתינו הק' לרגל דעם יום החינוך וועלכע איז פאררופן געווארן דורך הנהלת מוסדותינו הק' פאר אלע עלטערן, און שפעטער נאך די דרשות איז דער בעל דרשן אריבערגעקומען צום בנין הישיבה, ווי ער האט פאר א לענגערע שעה ארומגערעדט פאר די תלמידים איבער די נושא פון מדת השמחה, פון וואס די תלמידים האבן זייער הנאה געהאט.

*

## חבורות ליל שישי פארגעקומען כהכנה לחג הפורים

די וואך מיטוואך איז פארגעקומען א דערהויבענע חבורה לקראת דעם יו"ט פורים הבעל"ט, בראשות המשפיע הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאוון שליט"א, ר"מ ומשפיע בישיבה, ווי מען האט א לענגערע ווײַלע געזינגען ניגוני קודש און געהערט ווארימע דיבורים לקראת דעם יו"ט פורים.

אין אנדערע נייעס וועלן די תלמידי הישיבה ווי אלע יארן מיטהאלטן די ימי הפורים בצל הקודש פון כ"ק רבינו שליט"א בקרתא דשופריא, און זיך אנשעפן הויפענעס חיזוק ויראת שמים.

*

## דראסטישע העכערונג מעלדונג פון הנהלת קרן חתנים לבושי מרדכי

אין די יעצטיגע טעג שטייענדיג בעפאר דעם יו"ט פורים הבעל"ט, האט הנהלת קרן חתנים שע"י 'ישיבתינו הק' - וועלכע שטיצט מיט א ברייטע תמיכה פאר די עלטערן פון תלמידי הישיבה בעת ווען מ'שטייט אין תקופה פאר'ן חתונה מאכן די תלמיד הישיבה - ארויסגעלאזט א קאמפיין לטובת די גאר וויכטיגע קרן, אין וועלכע די תלמידים זאלן נעמען א טייל במשך די ימי הפורים הבעל"ט.

מן המותר להאריך די געוואלדיגע נחיצות פון אזא קריטישע צוועק, ווען רובא דרובא פונעם היימישן עולם טרעפט זיך אין שווערע חובות ווען מ'שטייט פאר חתונה מאכן א קינד, און מיט די געלט וואס די קרן חתנים דישיבתינו הק' שענקט, גיבט דאס א געוואלדיגע רואיגקייט ווייטער אנצוגיין מיט די הכנות צו די חתונה אומגעשטערט.

און שטייענדיג יעצט פאר פורים ווען די תלמידי הישיבה נעמען צוזאם געלט לטובת הקרן, האבן די געטרייע עסקני הקרן מבשר געווען די בשורה טובה, **נעמליך צו הייבן די סכום וועלכע מען שענקט פאר יעדע תלמיד הישיבה פון 5,600$ צו גאנצע 7 אלפים!** וואס דאס איז גאר א געוואלדיגע דערגרייכונג פאר עלטערן פון די תלמידי הישיבה, וואוסענדיג אז די קרן חתנים טוט ארויסהעלפן מיט א גרויס טייל פון די הוצאות החתונה.

עס איז צום האפן אז אנשי שלומינו וועלן זיך משתתף זיין בסכומים הגונים משך די ימי הפורים, כדי די קאסע זאל טאקע קענען ווייטער אנגיין מיט די גאר וויכטיגע פעולות.

*

## רעגעסטראציע לשנת תשפ"ז געפענט געווארן

אין די יעצטיגע טעג איז געפענט געווארן די רעגעסטראציע ווי מ'קען זיך שוין איינשרייבן לזמן החורף תשפ"ז הבעל"ט.

צו באקומען א אפליקאציע ביטע אריינרופן אין ישיבה אפיס 450-323-1084, אדער קען מען בעטן די פארם דורך שוקן א אימעיל צו Apply@mosdostosh.com ווי מען וועט בעז"ה צוריקשוקן די פארום אויסצופילן.



# במקהלות

ניייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב **קהילותינו ומוסדותינו הקדושים** צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

קהל אור החיים - פק"ק קרית טאהש יע"א:

### ליהודים היתה אורה:

## דערהויבענע שלחן הטהור ליל פורים וועט געפראוועט ווערן בהיכל ביהמ"ד הגדול

אנשי שלומינו נעמען אויף מיט פרייד די פרישע חידוש לקראת יו"ט פורים הבעל"ט, אז נאכדעם וואס אין די לעצטערע יארן איז דער שלחן הטהור ליל פורים נאכ'ן מגילה ליינען פארגעקומען בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, וועט עס היי-יאר געפראוועט ווערן אויף א גרעסערן פארנעם ברוב עם הדרת מלך במקום רחבת ידים בהיכל ביהמ"ד הגדול.

במשך די לעצטערע יארן האט מען כסדר נאכגעהערט פון אנשי שלומינו, זיך בעטנדיג צו די עסקני הקהלה אז מ'זאל פרובירן צו מסדר זיין אז די טיש זאל פארקומען אין היכל ביהמ"ד הגדול ווי אלע אנדערע טישן, נאכדעם וואס די טיש בכניסת היום טוב איז גאר א געהויבענע און פרייליכע טיש, מיט לעבעדיגע טענץ ושמחה של מצוה.

כ"ק מרן רבינו שליט"א וועט מופיע זיין בהיכל ביהמ"ד הגדול צום טיש די ערשטע נאכט פורים אום 9:45, ווי עס וועט זיין צוגעגרייט פאר'ן ציבור מיטצוהאלטן די דערהויבענע טיש, זיך פרייענדיג בשמחת היום, ויין מלכות רב כיד המלך.

צו באשטעלן אש"ל בבניני הישיבות אויף יו"ט פורים ביטע רופן ועד האש"ל 514-582-6380 אדער דורך קול איחוד טאהש 718-451-8674 דערנאך 15, אזוי אויך וועט די ערשטע נאכט זיין צוגעגרייט די סעודה פאר די חשוב'ע געסט - וועלכע פלעגן ביז היינט עסן די סעודה ביים טיש, - תיכף נאכ'ן מגילה ליינען בהיכל הטישן #9.

**וימי הפורים האלה נזכרים ונעשים.**

טאהש מצות - שע"י איחוד טאהש:

## וועט היי יאר נאכאמאל צוגעשטעלט ווערן להנאת אנ"ש די בכל אתר ואתר

נאך גרויס הצלחה די פארגאנגענע יאר, ווען הונדערטער אנשי שלומינו האבן הנאה געהאט פון די געלונגענע מהודר'דיגע מצות אויף יו"ט פסח, וועלכע זענען צוגעשטעלט געווארן דורך "טאהש מצות", ווערט געמאלדן אז באשטעלונגען ווערן שוין אנגענומען, לקראת די יו"ט פסח תשפ"ו וועלכע דערנענטערט זיך שוין מיט שנעלע טריט.

די מצות ווערן געבאקן ביים גרויסן בית האופה שע"י קהלת סאטמאר מאנסי, וועלכע האבן אין זיך א ספעציעלע גוטע טעם, און ווערט געבאקן מיט גרויס זהירות אונטערן פיקוח פון הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א, ואתו עמו הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' מאנסי שליט"א, וועלכע זענען שוין געווען היי יאר ביי די מצות באקן, און באוואונדערט די געוואלדיגע זהירות און כשרות.

די סערוויס ווערט שוין צוגעשטעלט בקהלתינו הק' אין קרית יואל און אין מאנסי פאר לאנגע יארן, און נאכן זעהן די גרויס צופרידנהייט ביים ציבור, פון די געניטע סערוויס און פון די געשמאקע דינע מצות, איז פארגאנגענע יאר אויפגענומען געווארן מיט פרייד די בשורה טובה, אז די סערוויס איז אויסגעברייטערט געווארן פאר אלע שטעט איבער ניו יארק און אין קריתינו הק' דורך די געטרייע הנהלת האיחוד, צו קענען געבן א גרעסערע דיסקאונט פאר אלע חברי האיחוד וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אלץ מעמבער ביים "בלב אחד" מעמערשיפ דרייוו, פארגאנגענעם יו"ט חנוכה העעל"ט.

טאהש מצות שטעלט אויף צו ראזאווא מצות, ספעלט מצות, און מצה מעיל, צו באשטעלן אייער ארדער רופט אריין בעפאר זונטאג ויקהל-פקודי, אויף קול איחוד טאהש, און דרוקט 969 פון די מעין מעניו.

**שבעת ימים תאכלו מצות**

בית מדרשינו תפארת משולם וויליאמסבורג:

# גרויסארטיגע מלוה מלכה פארגעקומען להחזקת בית מדרשינו תפארת משולם אין וויליאמסבורג

גאר א רייכע עלעגאנטע מלוה מלכה איז פארגעקומען די פארגאנגענעם מוצש"ק לסדר "ויקחו לי תרומה" לטובת החזקת בית מדרשינו תפארת משולם בעווב"י וויליאמסבורג, ווי אלע חשוב'ע מתפללים פוןביידע בתי מדרשים, ווי אויך תלמידי וידידי בית טאהש, זענען זיך צוזאם געקומען צו שטיצן די הייליגע ביהמ"ד וואס איז די עלטסטע טאהש'ער ביהמ"ד על אדמת אמעריקע, ווי די הייליגע רבי זי"ע האט יארן לאנג געדינט השי"ת אין דעם ביהמ"ד זייענדיג פיל מאל א יאר אין אמעריקע בימים ההם.

די ביהמ"ד איז אין די לעצטערע יארן איבערגעבויט געווארן הערליך שיין, דערווייל נאר די היכל הביהמ"ד, און מען האפט גאר בקרוב ממשיך צו זיין מיט די ווייטער'דיגע מלאכת הבני', ובפרט די פראכטפולע מקוה וואס מען האפט אין די נאנטע טעג שוין צו גיסן די בורות בעזהשי"ת.

געעפנט די מסיבה האט די לאנג יעריגע משמש הביהמ"ד מוה"ר מרדכי ארי' שפיטצער הי"ו, און ארום גערעדט בשבחו פונעם ביהמ"ד, און באדאנקט אלע וואס העלפן ארויס די ביהמ"ד במשכ'ן יאר בגוף ובממון.

צום ערשט האט הרב הגאון די דיין שליט"א מסיים געווען א מסכתא וואס ווערט פארגעלערנט א יעדע נאכט בעיון רב על סדר הש"ס דורכ'ן דיין שליט"א, קדיש האט געזאגט הרבני הנגיד המפואר ר' סנדר גאלדבערגער הי"ו וואס שטייט יעצט אין די ימי השלושים פון זיין חשוב'ן טאטן הרה"ח ר' ישראל דוב ב"ר יצחק ז"ל וואס די מלוה מלכה איז מוקדש געווארן לעילוי נשמתו.

דערנאך האט דער יושב ראש אויפגערופן די חשוב'ן נואם הכבוד, הרה"ג דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א, וואס האט באצויבערט דעם עולם במתק לשונו, מיט הערליכע סיפורים ועניינים שונים פון הייליגן רבי'ן זי"ע, די עולם איז געזעצן צוגענאגעלט און געשלינגען יעדעס ווארט.

דערנאך האט מען געהערט א רייכע דרשה פון הרבני הנגיד הנכבד ר' אלכסנדר גאלדבערגער שליט"א מחשובי מתפללי ותומכי בית מדרשנו רבות בשנים, ווי ער האט ארויסגעברענגט גאר שיינע שטריכן פון די מעשי צדקה וחסד פון זיין חשוב'ן טאטן, ובפרט ווי שטארק ער האט מהנה געווען דעם רבי'ן זי"ע אלע יארן, און ווי שיין ער האט זיך מכניע געווען צום רבי'ן שליט"א די לעצטע 10 יאר בגוף ובממון, אויף אן אויסטערלישן אופן, און פיל שיינע ענינים וואס מען קען זיך אלס אפלערנען פון זיינע מעשי צדקה וחסד, יהא זכרו ברוך, עס איז שוין געווען נאך חצות הלילה ווען מען האט מכבד געווען הרה"ח ר' אלכסנדר צו בענטשן.

דער עולם האט זיך גאר ווארעם אנגערופן צום מלוה מלכה, און מען איז זיך צוגאנגען מיט גאר גוטע געפילן אנגעזאפט מיט שיינע רייכע סיפורים והדרכות פון רבי'ן זי"ע. במשך די וואך נעמט מען נאך צוזאם די נדבת הציבור, ב"ה די עולם רופט זיך אן גאר ווארעם. מען קען איבערהערן די גאנצע מלוה מלכה אויף קול איחוד טאהש, ביי 5-4-2-16 פון די מעין מעניו.

## הצדיק אבד

מיט גרויס צער און ווייטאג איז אויפגענומען געווארן די וואך די ביטערע בשורה איבער די פטירה פון הגאון הצדיק רבי אשר גרינפעלד ז"ל, אבד"ק וויזניץ מאנטריאל, וועלכע איז נסתלק געווארן אין עלטער פון 82 יאר.




דער רב ז"ל איז געווען א שטארקער מקורב און אפטער גאסט אין טאהש, מיטהאלטענדיג כסדר די טישן און מאורעות בחצרות קדשינו. כמים פנים אל פנים האט יבלחט"א כ"ק רבינו שליט"א שטענדיג ארויסגעוויזן צום רב א גאר שטארקע קענטיגע חביבות והערצה. נאך גאנץ לעצטענס האט רבינו שליט"א אפגעשטאט א באזוך ביים רב אינדערהיים אין מאנטריאל צו מבקר חולה זיין, אזוי אויך האט דער רבי זיך כסדר נאכגעפרעגט אויפן מצב הבריאות, און געריפן אויפן טעלעפאן צום רב דורש זיין בשלומו, און מתפלל געווען לרפואתו.

רבינו שליט"א האט זיך משתתף געווען ביי די לוי' וואס איז פארגעקומען דעם מיטוואך תצוה ביינאכט אין ביהמ"ד וויזניץ אין מאנטריאל, אויפן וועג קיין ארץ ישראל וואו דער רב איז געקומען לקבורה.

**שנשמע ונתבשר בשורות טובות.**


וועד האש"ל
בס"ד
מודעה מיוחדת
מענער און בחורים וועלכע גרייטן זיך
מיטצוהאלטן די דערהויבענע
ימי הפורים בצל הקודש
און ווילן רעזערווירן אש"ל בבנייני הישיבות
זאלן ביטע אריינרופן ועד האש"ל
514.582.6380
צו דינען אדער
פארדינגען דירות
אין קריתינו הק'
ביטע רופט אריין
קול איחוד טאהש
718-451-8674
עקס. 15
פרעג'ס אלעס
נוט'ס!
ועד האש"ל


בעזהשי"ת
קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
ת"א
והיה מחנינו קדוש
שטייענדיג בעפאר די געהויבענע ימי הפורים
ווילן מיר דערמאנען און איפפאדערן איבער די
פקודת הקודש
פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
ובית הוראה דקהלתינו הקדושה
בשום אופן נישט ארויסנעמען קיין שום
סמארטפאון
אדער סיי וואספארא גע'אסר'טע כלי
אין קיין שום מקום רבים אדער בנייני הקהלה והמוסדות
ובפרט ביי די
געהויבענע מעמדים
ושלחנות הטהורות
ובזכות פון היטן אויף די גדרי הקדושה, ובפרט אין אזעלכע הייליגע דערהויבענע טעג וועלן מיר אלע זוכה זיין צו מקבל זיין די השפעות פונעם יו"ט און צו אלע השפעות טובות, און אינעם זכות פון אפהיטן אונזער מחנה בחומה ובצורה בקדושה ובטהרה כרצון וכתשוקת מרן רבינו הקדוש זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א וועלן מיר זוכה זיין צו א רוח טהרה ממרום בביאת משיח צדקינו אמן
בברכת שמחת פורים ושמחת תמיד
הנהלת הקהלה


בס"ד
ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש
ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש
מזלא טבא וגדיא יאה
ביקרא דאורייתא הכרת הטוב ושמחה רבה הננו בזה לשגר ולברך כסא דברכתא לעילא מכל ברכתא לכבוד האי גברא רבא ויקירא, מומחה רבות בשנים בשדה החינוך והרבצת התורה ברוב כשרון חכמה ותבונה, מופלג בתורה עבודה וחסידות, דולה ומשקה להתלמידים תורתו אורו ועבודתו של רבינו הקדוש זי"ע ולמעב"ק, מסור בכל לב ונפש להצלחת התלמידים, חכמת אדם תאיר פניו, וכתר שם טוב עולה על גביהן, שלשלת היוחסין ופאר מקדושים אראלים ותרשישים
הרב הגאון רבי
מרדכי בעריש מערמעלשטיין
שליט"א
ר"מ ומשפיע בישיבה קטנה
ומרביץ תורה בישיבה גדולה
לרגל שמחת אירוסי בנו
החשוב והמצוין בנש"ק החתן דוד שלמה ני"ו
עב"ג בת הרה"ג פאמ"ק רבי נפתלי יחיאל מיכל ראטענבערג שליט"א
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ברכותינו העמוקות למעלת כבוד הר"מ שליט"א שתרוה רב תענוג ונחת דקדושה ממנו ומכל יוצ"ח החשובים, בנין עדי עד וקשר של קימא, ותוכלו להרבות יתר פעלים רבים להרבצת התורה עבודה וחסידות, לחנך ולגדל לגיון של מלך בניקל ובהצלחה מרובה, עדי נזכה כולנו יחד במהרה לאורו של משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א
השמחים בשמחתכם, ומברכים לעומתכם
בחורי הישיבות - הנהלת הישיבות
גם אנו מצטרפים בברכה מיוחדת בהערצה כדבעי
חבורת לאהבה וליראה - חברה מבקשי השם
חברה הכנה ליו"ט
ישיבה קטנה
תפארת משולם פייש
ד'טאהש
ישיבה גדולה
תורת משולם פייש
ד'טאהש


בס"ד
בלב מלא רגשי הוקרה ובחיבה יתירה, נביע ברכה בגילת ורנן וקול נעים, ברכת מזל טוב בשפה ברורה ובנעימה, אל מע"כ האי גברא רבא ויקירא, החריף ובקי טובא בחדרי תורה, גריס באורייתא תדירא, מפיק מעיינותיו כחשיכה כאורה, האי גאון מופלג, שמו משבחים ומפארים
איש חי ורב פעלים ונשגבות, עושה גדולות למען הצלחת מפעלינו "להתאחד" להלהיב ולהתעלות בחורי אנשי שלומינו בדרכי רבותינו הק' במסירות נאמנה ונפלאה, שמו משבחים ומפארים
הרה"ג רבי
מרדכי בעריש מערמעלשטיין
שליט"א
ראש החבורה בעיר קרית יואל יצ"ו
לרגל השמחה הגדולה
השורה במעונו
באירוסי בנו
החתן החשוב דויד שלמה נ"ו
למזל טוב
עב"ג בת הרה"ג פאר מקדושים
רבי נפתלי יחיאל מיכל ראטטענבערג שליט"א
ובהאי עידנא דקא גרים, להעלות הודו על נס הרים, להגיד שבחו תוקף פעולתו, כל החסד שהגדיל לעשות בטובתו, להשפיע ולהשקות העדרים, בספרי רבינו הקדוש זי"ע כפז המסולאים, לבחורי אנ"ש כמים קרים, להגדיל תורה ולהאדירה בחבורה, המתנוסס לשם ולתפארת ולתהלה, באופן נפלא ונעלה, ויומם ולילה לא ישבות לחזק ולבצר, לרומם ולהדר, ולא חוסך עמל ויגיעה, באמת ובאמונה ובאהבה, ואהבה מגלגלת השורה, לבוא במזמור לתודה, אשרי לו ואשרי חלקו, מה טוב חלקו וחבלו.
המברכים לעומתו ושמחים בשמחתו
ומוקירים פעולתך הנמרצות
הנהלת מפעל להתאחד
בחורי אנ"ש
שעל ידי איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כל חברי האיחוד
ובחורי שלומינו החשובים
להתאחד
בחורי אנ"ש

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

תצוה-זכור - תשפ"ו לפ"ק

## מיטוואך פר' תרומה - ר"ח אדר

פארנאכטס איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור סעודת ראש חודש בהיכל ביהמ"ד הגדול וועלכע איז פאררייבער גאר דערהויבן, עס איז סערווירט געווארן א סעודה פאר כל הקהל הקודש, דער רבי האט געצינדן ליכט, זיך געוואשן צום סעודה, געוואונטשן לחיים, טועם געווען און געטיילט שיריים פון די מאכלים.

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש, און תלמידי הישיבה גדולה האבן אנגעפירט מיט ווארימע ניגונים. שפעטער האט מען ממשיך געווען מיט פרייליכע ריקודין לכבוד ר"ח אדר, אנגעפירט דורך מקהלות המנגנים דחצרות קדשינו, און מען האט זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכע ריקוד.

ברכי נפשי אב"ד ראדאשיץ שליט"א פון קרית יואל, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, שיר המעלות הב' אלימלך ב"ר יצחק אייזיק שלום סג"ל קרויס נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

⬥

נאכן טיש איז דער רבי ערשינען ביים קבלת פנים פון החתן בן מוה"ר יואל שטיינמעץ הי"ו פון קריתינו הק' עב"ג הכלה בת הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ בקריתינו הק' אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

⬥

דערנאך איז דער רבי אריבער בבנין הישיבה קטנה, וואו דער רבי האט געדאווענט תפילת מעריב אינאיינעם מיט תלמידי הישיבה, פארן עמוד האט געדאווענט הב' ישראל ב"ר מאיר סג"ל קרויס נ"ו.

נאך מעריב האט דער מנהל הרה"ג ר' יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער שליט"א מקבל פנים געווען דעם רבי'ן, און ארויסגעברענגט די זכי' וואס די בחורים האבן אז דער רבי' קומט באזיכן אין ישיבה, איבערגעבנדיג א גריס פארן רבי'ן ווי די בחורים האבן אריינגעהארעוועט בתורה ועבודה במשך די ימי' השובבי"ם העעל"ט, און מען גרייט זיך צום שבת התועדות.

דערנאך האט דער מנהל שליט"א איבערגעגעבן פארן רבי'ן א רשימה פון די טויזענטער שעות רצופות וואס די בחורים האבן געלערנט און זיך מקבל געווען קבלות טובות, דער רבי האט משמיע געווען התרגשות'דיגע דברות קודש און דברי חיזוק והדרכה פאר די בחורים.

דערנאך זענען די בחורים אריבער ביים רבי'ן זיך געזעגענען, פארן אוועקפארן צום שבת התועדות.

⬥

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך, צווישן אנדערע זענען אריין אל הקודש פנימה הנהלת התלמוד תורה עבודת משולם פייש פון מאנסי, וואו מען האט איבערגעגעבן פארן רבי'ן א גריס פון די מוסדות, און דורכגערעדט איבער די ווייטער'דיגע פארשריט בהרחבת גבולי הקדושה, און דער רבי האט מאציל געווען ברכת קדשו פאר די חשוב'ע עסקנים.

⬥

נאך קבלת קהל איז דער רבי צוריק אין בית צירל זאל, און געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס.

## דאנערשטאג פר' תרומה

דער רבי האט געקלאפט א מזוזה אין די נייע שטוב פון מו"ה משה לייב בר"י סג"ל קרויס הי"ו אין קריתינו הק', דערנאך געמאכט א לחיים און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

⬥

## עש"ק פר' תרומה

פארמיטאג איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מו"ה

אליעזר הערש פישער הי"ו משב"ק. דער רבי האט אפגעשוירן די האר, אנגעטון קאפל און ציצית, געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

## שבת קודש פר' תרומה

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד, די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן: מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' אברהם דוד צבי ב"ר יצחק שמעון אסטרייכער נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א מו"ץ, מוה"ר ישראל משה זוסמאן הי"ו פון בארא פארק, הרה"ח ר' חיים הערש פראנקל הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר יודא לייב לעפקאוויטש הי"ו פון מאנסי, מוה"ר אברהם מרדכי שווארץ הי"ו פון בארא פארק.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר נחמי' צבי שווארץ הי"ו לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה. שיר המעלות הב' אלימלך ב"ר משה סג"ל ראטמאן נ"ו. שבח נותנים מוה"ר משה ראזענבערג הי"ו פון מאנסי.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן לביתו נאוה קודש, און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר אהרן שווארץ הי"ו משמש ביהמ"ד הגדול לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה. שחרית האט געדאווענט הרב ישעי' דוד גראס שליט"א לרגל די יארצייט פון אביו ז"ל.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרב ישעי' דוד גראס שליט"א, לוי רבינו שליט"א, שלישי החתן ר' יוסף בנימין שטיינמעץ הי"ו, רביעי מוה"ר יואל ברי"צ מערמעלשטיין הי"ו, חמישי הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ, ששי הרה"ג ר' מענדל ווייס שליט"א דומ"ץ טיב לבב פון קרית יואל, שביעי הרה"ג ר' שמשון פוגעל שליט"א, הוספות: מו"ה אהרן שווארץ הי"ו, מוה"ר יואל הערש פוגעל הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר ישראל משה זוסמאן הי"ו פון בארא פארק, מו"ה משה אלי' פוגעל הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, מו"ה משה אליעזר פרושינובסקי הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, אחרון הרה"ג ר' אשר מאנן שליט"א דומ"ץ קיט"ל מורטל פון וומסב"ג.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

הגבה מוה"ר יודא לייב לעפקאוויטש הי"ו פון מאנסי, גלילה הב' יעקב מאיר ב"ר חיים נחום מערמעלשטיין נ"ו.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען מוה"ר נחמי' צבי שווארץ הי"ו, פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ג ר' מאיר מאיער שליט"א פון קרית יואל.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' אלימלך בה"ר יצחק אייזיק פיש נ"ו תלמיד ישיבה גדולה ונכד רביה"ק זי"ע.

אז ביום השביעי מוה"ר אהרן פאללאק הי"ו פון וומסב"ג, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים הערש פראנקל הי"ו פון קרית יואל.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן לביתו נאוה קודש, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה העסקן מו"ה שלמה יואל גרינהוט הי"ו. די עליות האבן עולה געווען כהן הרה"ג ר' בנציון כ"ץ שליט"א פון א"י, לוי מוה"ר יואל ברנצ"ח סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל, שלישי מוה"ר יואל שטיינמעץ הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען מו"ה אהרן שווארץ הי"ו משמש ביהמ"ד הגדול. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר יואל הערש פוגעל הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ, מוה"ר יואל שטיינמעץ הי"ו, מו"ה נחמן העכט הי"ו, שושנת יעקב מוה"ר משה סג"ל ראטמאן הי"ו משב"ק.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס

הב׳ מרדכי ב״ר אהרן פרושינובסקי נ״ו תלמיד ישיבה גדולה, שיר המעלות הב׳ אברהם זיידא ב״ר יואל הערש פויגעל נ״ו תלמיד ישיבה גדולה.

מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווארן: הרה״ח ר׳ פנחס לוי שטיינמעץ הי״ו, הרה״ג ר׳ אברהם שלמה פאפלאנאש שליט״א, הרה״ג ר׳ אשר מאנן שליט״א, הרה״ג ר׳ יעקב קליין שליט״א, אדמו״ר מ׳זוטשקא קאראקאס שליט״א, ברכה אחריתא רבינו שליט״א.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב האט מען געמאכט קידוש לבנה בחצר ביהמ״ד הגדול, דערנאך איז דער ציבור אריבער דעם רבי׳ן וואונטשן א גוטן חודש.

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הב׳ ב״ר חיים הערש פרענקל הי״ו, די הבדלה האט געהאלטן הב׳ סנדר קליין נ״ו פון פלעטבוש.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען מוה״ר ישראל משה זוסמאן הי״ו, און הרה״ח ר׳ חיים הערש פראנקל הי״ו, צו דערציילן סיפורי צדיקים.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## מוצש״ק פר׳ תרומה

דער רבי איז ערשינען צו א סעודת מלוה מלכה לרגל סיום ימי השובבי״ם, בהיכל ישיבה גדולה מיט אלע תלמידים, וואו עס איז געווען הערליך צוגעגרייט א מאיעסטעטישע טאץ פירות אויסגעקריצט די נאמען פון די חבורה ״אנא עבדא״ לעבודת ימי השובבי״ם.

דער רבי האט געצינדן ליכט, זיך געוואשן צום סעודה, און געוואונטשן לחיים פאר אלע תלמידים.

דער מנהל הרה״ג ר׳ שמעון יחיאל ראטה שליט״א האט אויפגעטרעטן מיט א פלאמעדיגע דרשה, און איבערגעגעבן א גריס פארן רבי׳ן וואו די בחורים האבן אויסגענוצט די שובבי״ם טעג, שטייגענדיג במסילה העולה בית קל.

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש, זייענדיג מחזק די בחורים ווייטער צו שטייגן מעלה מעלה.

מען האט געזינגען זמירות מוצש״ק, און עס איז געווען א געלעגנהייט פאר אלע בחורים צו דערציילן א מעשה, און דער רבי האט געטיילט שיריים פון די קוגל.

דער רבי האט געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס הב׳ שמעון יחיאל ב״ר ברוך גאלדשטיין נ״ו תלמיד הישיבה, שיר המעלות הב׳ מענדל בער מערמעלשטיין בן אב״ד דעלאטין נ״ו תלמיד הישיבה.

דערנאך זענען אלע בחורים אריבער און באקומען רייכע מתנות פארן אויסנוצן די ימי השובבי״ם, מיט כוס של ברכה, מידי קדשו פון רבינו שליט״א.

## זונטאג פר׳ תצוה

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה״ר חיים משה מאיר סג״ל קרויס הי״ו פון מאנטריאל, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## מאנטאג פר׳ תצוה

דער רבי איז געפארן קיין מאנטריאל צו די פלייש פאבריק בבעלות הרב אב״ד קלוזש שליט״א בריח התיכון ומגדולי התומכים למוסדותינו הק׳, וואו דער רבי האט זיך אומגעקוקט אויף די גאנצע נייע חלק וואס מען האט צוגעבויט צום בנין, און קובע געווען א מזוזה.

דער רבי איז דערנאך אריין אינעם פאבריק און זיך אומגעקוקט אויף די כשרות פון די גאנצע ארבעט אינעם פאבריק, ווי כשר מאכן און באזאלצן די פלייש, און אזוי ווייטער.

דערנאך האט מען געמאכט א מסיבת לחיים, מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים, דער רבי האט געטרינקן און געוואונטשן לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו לרוב.

## דינסטאג פר׳ תצוה

פארמיטאג איז פארגעקומען די אפשערן פון בן הרב אברהם יושע העשיל ראבינאוויטש שליט״א, חתן הרה״ג ר׳ אלעזר דוד קאהן שליט״א מו״ץ ונכד רביה״ק זי״ע. דער רבי האט אפגעשוירן די האר, אנגעטון קאפל און ציצית, געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

שפעטער האט דער רבי מנחם אבל געווען טעלעפאניש ביי משפחת הרה״ח ר׳ משה אהרן ניימאן הי״ו פון פלעטבוש, וועלכע זיצן שבעה נאך א טאכטער ע״ה. דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די גאנצע משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

אזוי אויך האט דער רבי מנחם אבל געווען טעלעפאניש ביי משפחת הרה״ח ר׳ יונה לונגער הי״ו, ווי דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די גאנצע משפחה, און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.







בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת כי תשא - פרה =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק תצוה-זכור | דף נח: | דף נה. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף נט. | דף נה: | דף קנח: | דף קנו. |
| מאנטאג תענית אסתר | דף נט: | דף נו. | חזרה | דף קנו: |
| דינסטאג פורים | דף ס. | דף נו: | חזרה | דף קנז. |
| מיטוואך שושן פורים | דף ס: | דף נז. | חזרה | דף קנז: |
| דאנערשטאג | דף סא. | דף נז: | דף קנט. | דף קנח. |
| עש"ק | דף סא: | דף נח. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת צו
חבורת ז' עמודים – כל פרק חמישי ושישי
חבורת ה' עמודים - קנו. - קסג:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו

## פרנס

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי
מוה"ר **אשר ענזיל סג"ל קרויס** הי"ו
(קרית יואל)

לע"נ זקינו הרה"ח ר' **אשר ענזיל** ב"ר **אלקנה סג"ל** ז"ל
יארצייט י"ז אדר הבעל"ט

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

## קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

| | |
|---|---|
| 718.451.8674 | 514.500.8674 |
| 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**


איחוד תלמידי וחסידי טאהש

יו"ל ע"י
# איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950


גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד